NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13449

# FREYD

Itzik Kipnis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

# פר״ץ

א. קיפניס

פ...וואטע ביבליאטעק
משה אדאנער
ניו-יאָרק

# פריד

דערציילונגען פאר קינדער

צענטראלע יידישע ביבליאטעס
אין פרעסע ארכיוו

מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
מינסק ★ נאצסעקטער ★ 1935

צענטראלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע ארכיוו

# ליפע בורמילקעלע

## 1. און דאָ איז פונקט פאַרקערט

אפ אנדערע קינדער זאָגט מענ—א ראכמאָנעס, ער האָט נעבעכ ניט קיינ טאטנ, קיינ מאמענ; א ראכמאָנעס, ער האָט נעבעכ ניט קיינ ברידער, קיינ שוועסטער... אפ ליפען האָט מענ געקענט זאָגנ דאָס פאַרקערטע. ער אליינ האָט וועגנ זיכ געווים אזוי געקלערט: נו,—קלערט ער,—וועט ניט דער טאטע, וועט ניט די מומע! וועט ניט דער ברודער איסער און ניט די שוועס-טער פרידע.

ליפע, בורמילע!—אזוי האָט מענ אימ איינ שטוב גערופנ און ער האָט אליינ ניט געוווּסט וועלכער איז בא אימ דער עמעסער נאָמענ און וועלכער דער צוגעשטעלטער. ווייל זייער אָפט האָט מענ אימ געזאָגט נאָר ליפע אליינ אָדער „בורמילע” אליינ.

— ליפּע, טראָג ארויס דעם צובער.

— בּורמילע! גיי אָקאָרשט, טרײַב אוועק די שקאַפּע צום בּרונעם אונ גיב איר א טרונק.

דאַפקע בּיידע נעמען שיינע, נאָר ווענ זיי ריידנ זיכ ניט אויס בא דר שטוב-לײַט פֿונ מויל מיט אזא גראָבקײַט.

— בּורמילע, גיי פֿרעסנ! די קאשע איז שוינ דאָרטנ פֿארהילצערט גע-וואָרנ...

— דו בּיסט א מיוונ, ווי ס'האָט זיכ א נידערגעקרענקט אפֿ איינ אָרט אונ כאָטש האק אים פֿלעקער אינ קאָפּ!

— פֿרעסנ, גיי!

זאָגנ, אז בּורמילע האָט פֿײַנט געהאט צו עסנ, אז ער איז געווענ איידל געפּאטשקעט אונ מענ האָט אים געמוזט צוקלערנ פֿארשיידענע קיכעלעכ אונ אים בּעטנ האלבּע שאָענוויז ער זאָל זיכ מעראכעמ, זײַנ אונ אופּעסנ. כאָטש איינמ—ווענ מיר ווילנ אזעלכעס אויסטראכטנ אפֿ ליפּענ, וואָלט עס געווענ א גרויסער טאָעס. בּורמילע האָט דאַפקע ליב געהאט די מעלאָכע עסנ, אז ער פֿלעגט זיכ צוכאַפּנ צו דער טעלער קאשע, פֿלעגט מענ זיכ ניט ארומקוקנ, ווי זי פֿלעגט שוינ ניט סטײַענ בא אים אונטער די הענט. פֿאר ליפּענ שטייט שוינ א ליידיקע טעלער. אונ נעמט נאָר אונ טוט אים אומיסטנ א פֿרעג, וואָס האָט ער געגעסנ, וועט ער אײַכ ענטפֿערנ:—איכ געדענק שוינ ניט.

— אָבּער וואָס פֿאָרט האָסטו געגעסנ? דערמאָנ זיכ אָקאָרשט, בּורמילקעלע. אָ! פֿונ אזא מינ צארטנ פֿארצײַענ אים דאָס נאָמענדל, צעשמייכלט זיכ בא ליפּענ דאָס קירבעס-ארטיקע פּאָנעם אונ ער זאָגט:

— לייג מיר אָנ נאָכ א טעלער, וועל איכ דיר זאָגנ.

— וואָס אָנלייגנ דיר אפֿנ טעלער?

— קאַשע—ע-ע-ע

— זעסטו!?? זײַט איר כאָטש אפֿ אים א מיוונ? ווייסטו דאָכ שוינ, בּורמילע, אז ס'איז קאשע!

— יאָ,—ענטפֿערט דאנ בּורמילע.—אז ס'איז קאשע ווייס איכ שוינ פֿונ לאנג,—ווײַל קאשע עסט ער אלענקײַ טאָג,—איכ ווייס נאָר ניט, צי ס'הרע-טשענע צי געשטענע...

אונ דאָס איז שוינ טאקע אפֿ אים צו גלויבּנ, ווײַל ער האָט א טעווע זיכ פֿארקלערנ.

זיי וווינענ אינ א דאָרפֿ, וווינענ זיי. טרעפֿט זיכ אמאָל, דאָס איז נאָכ געווענ אינ דער צײַט, ווענ ליפּע איז געווענ אינגאנצנ א קליינער, פֿלעג זיכ טרעפֿנ, אז אלע צעגייענ זיכ אינ פֿעלד, ס'איז א שטילער, א הייסער זומערדיקער בּאטאָג אונ ליפּענ האָט מענ פֿארשלאָסנ איינעמ אליינ אינ שטוב. זיצט ער באַם פֿענצטער אפֿ דער רויטער געפֿארבּטער קאנאַפּע אונ קוקט צום

דרויסן ארויס. אין דרויסן איז היים, ס'איז שטיל, קיינער פֿאָרט ניט דורך, קיינער שטויבט ניט דורך, און ליפּע קוקט און קוקט אין פֿענצטער.

פונקט אנטקעגן פֿענצטער שטייט א שטאכעטן-פּלויט. פֿון יענער זייט פּלויט וואקסן הארבוזעס (קירבעסן). מיט הארבוזעס איז ער א פֿריינט, ליפּע.

די הארבוזעס ליגן באהאלטן צווישן דעם גרינס אף די ווייך אויסגעבעטעטע בייטן און צווישן די ראָזאָרעס. באהעפֿט איז דער קירבעס מיט דער ערד דורך א לאנגער, שטעכיקער הודינע, א קישקע אזא פֿון הוילער כראָמטשאלקע, וואָס איז פֿון אויבן פֿארפאנצערט מיט א שטעכיקער הויט. פֿון דער הודינע שטעקט זיך אויס ארויס-צו, א קליין הודינקעלע מיט א גרויסן קײַלעכדיקן בלאט פֿון אויבן און א ביסעלע ווײַטער—נאָך א קורץ הודינקע און ווײַטער א גרויסער גרינער בלאט פֿון אויבן. אזוי איז דער גאָרטן פֿארלייגט מיט אָט די אָ קײַלעכדיקע ווייכע טאצן, וואָס שטייען ווי דלאָניעס אויסגעשפּרייט צום ארוף. דו גיסט זיי און נעמען זיי צו. דו גיסט זיי רעגן—נעמען זיי צו. דו גיסט זיי אמאָל א זעץ אויב ניט קיין שטארקן, נעמען זיי אויך צו און מאכן א שווײַג.

די הארבוזעס ליגן זיך אין ווייכן אויסגעבעטעכץ, ווי די קעלבער, ווי די פֿעטע קאבאנטשיקעס, און זויגן און פּאשען זיך אין דער שטיל, און נאָר די בלעטער שטייען טאָג ווי נאכט און בעטן אויס פֿון זייערטוועגן אי זון, אי רעגן, אי שײַן, אי לופֿט. גוטע זײַנען זיי, די בלעטער, אזעלכע נארישע און געטרײַע.

אז ליפּע פֿלעגט אָפּזיצן אזוי באם פֿענצטער לאנגע, לאנגע שאָען, פֿלעגן די אויגן בא אים דערנאָכדעם זײַן א מין אָפּשפּיגלונג פֿון הארבוזעס, פּשע-ניטשקעס, זונענרויזן. די הארבוזעס זײַנען טיף גרין, אזש טונקל, ווי א וואסער אין הארבסט, די פּשעניטשקעס העל גרין, די זונען-רויזן זײַנען גרוי-גרין און די שטעקנס קלעפּיק-גרין. די בלעטער זײַנען אזוי זיך, און די פענעטער זייערע בלײַען געל.

אז ליפּע פלעגט שוין אפילע ליגן אין בעט, פלעגט ער דורך די צוגעמאכטע אויגן זען פֿאר זיך גאנצע לײַוונטן מיט הארבוזעס, פּשעניטשקעס, זונענרויזן, בלײַעכץ פֿון קארטאָפֿל און דאָס גלײַכן.

אמאָל פֿלעגט זיך אויך מאכן, אז ס'קומט צופֿלײַען און זעצט זיך אנידער אפֿן שטאכעט סאמע אנקעגן א פֿייגעלע. א קאָלירט פֿייגעלע. פֿלעגט זיך ליפּע שטארק פֿארצאפּלען אף דעם קוקנדיק. ער פֿלעגט וועלן, ער פֿלעגט מאמעש באלעשן, אז דאָס פֿייגעלע זאָל נאָך שטיין לאנג-לאנג... און אים פלעגט זיך דוכטן, אז אפֿן שטאכעט שאָטנט זיך אָפּ, שפּיגלט זיך אויס פונקט אזא פֿייגעלע מיט אלע אירע קליינע פֿויגלשע פּיטשעוקעלעך: אָט איז דאָס ווײדעלע א לאנגענעכיקס, א שטײַפֿס; אָט איז דאָס בײַכעלע א פּוכיקס און גלאטס: אָט איז דאָס העלדזעלע, דאָס קעפּעלע, דאָס שנעבעלע אפֿילע און סארא מין שײַנע קאָלירן. אלץ איז ווי צוגעזאָטן געוואָרן אָט דאָרטן צום ברעטל. און ליפּע איז אזוי

פאַרטראָגנ, אַזוי פאַרטאָג, אַז ער הערט ניט, ווי ס'זײַנענ שוינ דאָ מענטשנ אינ שטוב, ווי די טירנ ריפּנ אומ הינ אונ הער. מע טראָגט וואַסער, מע הייצט דעמ אויוונ, מע רוקט טעפּ. מידע זײַנענ זיי אַלע געקומענ אַהיימ, הונגעריקע פונעמ טאָג אַרבעט אינ פעלד, אונ די ערשטע זאַך זייערע איז באַוואָרעננ פאַר זיך מיט די בעהיימקעס אָוונט-ברויט... ענדלעך דערמאָנט זיך איינער, אַז:

— טו נאָר אַ קוק! ער זיצט דאָך נאָך אַלץ, ליפּע, באַמ פענצטער, פונקט ווי צוגעוואָקסנ אונ גלאָצט אינ איינ אָרט.

קומט דער ערשטער צו אימ צו דער טאַטע:

-- וואָס איז, ליפּעלע?—מאַכט ער צו אימ.—וואָס זעסטו עס דאָרטנ אַזאַ שיינס?

ליפּע טוט אַ ציטער פונ פרעמדנ קאָל, נאָר ער קענ זיך נאָך אַלץ ניט אָפּ-רײַסנ פונ יענעמ אָרט אַפנ שטאַכעט.

— אָנאָ...—ווײַזט ער מעריער אַפ שטומ-לאָשנ, ווײַל דער גאָרגל איז בײַ אימ פאַרטריקנט פונ לאַנגער פאַרכושטקייט.

— וואָס אָנאָ?

ער שווײַגט.

— וואָס זעסטו אָנאָ? זאָג שוינ לאָמיך שוינ אַמאָל הערנ?!

— דאָס פייגעלע...

— ווו זעסטו אַ פייגעלע?

— אָטאָ אַפנ שטאַכעט.

יענער קוקט אונ זעט ניט אַפנ שטאַכעט ניט קיינ פייגעלע, ניט קיינ שומ אַנדער זאַך.

— אַ מאָדנע משוגעס!—רופט ער זיך אָפּ צו די שטוב-לײַט.—אַ קינד זאָל נעמענ אונ זיך אײַנרעדנ אַזאַ אײַנרעדעניש. ער האָט זיך אײַנגעקלאַפּט אינ קאָפּ אַ פייגעלע אונ גיי טו אימ עפּעס...

— אָט דאָס פאַראַרט שוינ מיטאַמאָל יעדערנ אינ שטוב, יעדערער פאַרלאָזט אַפ אַ ווײַלע זײַנ אַרבעט אונ מענ שטעלט זיך אַלע אַרומ אַרומ ליפּענ. זאָל ער זאָגנ ווו איז דאָס פייגעלע.

-- נעמ אימ אָקאָרשט אינ דרויסנ אַרויס. זאָל ער ווײַזנ ווו זעט ער דאָרט אַ פייגעלע.

מע גייט אַרויס מיט ליפּענ אינדרויסנ. ער, ליפּע, לויפט אַוועק דער ערשטער צו די שטאַכעטנ, טאַפּט, טאַפּט ווי אַ בלינדער, אונ צעוויינט זיך פּלוצימ אַפנ קאָל:

— ניטאָ דאָס פייגעלע...

פריער האָט ער די גאַנצע צײַט געפילט אַפנ שטאַכעט דאָס בילד פונעמ פייגעלע אונ איצט זײַנענ געקומענ מענטשנ אונ האָבנ אימ באַרויבט פונ אַזאַ מינ שיינעמ בילד.

אויב פייגעלע — — — — — — — — — — — — — —

ליפּע ווײַנט אונ דער טאַטע—אַ גראָבער יונג אַ טאַטע געוועזנ בײַ ליפּענ

—ווייס ניט, צי זאָל ער זיך מאַכן א פּאָטעכיע פֿון אזא מין מאָדנעם יאַט, וואָס ער האָט, צי זאָל ער גאָר ווערן אינקאַעס און אים ארייַנוואַרפֿן א פּאָר בעטש. א יאַט זאָל זיך ניט אייַנריידן קיין נאַרישקייַטן.

די מומע איז אויך ניט געווען בעסער, אז זי האָט דערזען ווי באַם מאַמן צעבלאָזן זיך די נאָזלעכער אף זיך אָנפּאָמפּעט מיט קאַעס, רופט זי זיך אָפּ אָפּ איר גראָבער אויסשפּראַך:

— זאָלן דיר די הענט קיינמאָל ניט ווי טאָן, אווראָם-מוישע, גיב אים! גיב אים א באָר פּלעם, ס'זאָל אים ארויס דער דור פֿון קאָפּ.

און אווראָם-מוישע פֿאָלגט מאַמען. א גראָבער נעפעש דער אווראָם-מוישע, א מאַקאָנעס... ער האָט פֿארהייבן די האַנט און טראַך!—טראַך! דעם קליינעם בעזוודעמאַג איבערן פּאָנעם.

— אָט האָסטו דיר א פֿייגעלע, אָט האָסטו דיר אריַינעכעץ אין קאָפּ נאַרעשע זאַכן, ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן.

## 2. א נייַע מייַלע

שפּעטער-צו איז ליפּען צוגעקומען נאָך א מייַלע פֿאַר וועלכער ער פֿלעגט כאַפּן בעטש אפֿן טוץ און אף דער שאָק. וואָס איז?.. ער האָט זיך געמאַכט א נאַ-מיר פּאַטשקען אף די ווענט און אף די טירן, אפֿן פּלויט און אף די טויערן.. ער נעמט א שטיקל קויל, א שטיקל קרייַד, אויב ס'קומט אים צו האַנט א פּען אָדער א בלייַפּען, דאָס איז שוין גאָר גוט און ער שרייַבט... נאָר ניט ווי אַן אנדער קינד, וואָס לערנט זיך אוים שרייַבן אויסיעס און ער שרייַבט אָן טאַטע, מאַמע, מאַשע, קוואָרט—נייַן. קיין אויסיעס האָט ער אינ-גאַנצן ניט געקענט שרייַבן. נאָר וואָס? ער פֿלעגט פּאַטשקען. אָנפּאַטשקען אף דער וואַנט א פֿייגעלע, איז עס געווען געראָטן אין א בעהיימע אין אפֿן נייַעם טויער פֿון שטאַל האָט ער אויסגעשריבן א וואָגן מיט סנאָפּעס און אפֿן סאַמע פֿונויבן אף די סנאָפּעס ליגט אייַנגענורעט א הונט, ווייסט מען ניט צי ס'א הונט צי אַן אַבדירעק. און אז מע זאָל שוין יאָ וויסן, אז דאָס איז א הונט, וועט דיען סטייַען באַ די מענטשן „טערפּעניעס" אף אים לאָזן אלץ אויספּאַטשקען און אויסוואַטשקען, אז יוער דאַרף (עס און וואָס פֿאַר א נוץ קען מען דערפֿון האָבן?!.

פֿלעגט מען אים טאַקע מייַעסן, שלאָגן, נאָר שלאָגן ביז צום טויט אריַין!.. איז שוין דאַכט זיך גוט? נייַן, נייַן, איז עס נאָך אלץ ניט גוט. וואָרעם ליפּע, אז ער פֿאַרקוקט זיך, אז ער פֿאַרטראַכט זיך פֿאַרגעסט ער טייקעף אין אלע זייַנע בייַלן, און די ווענט—אָט קאַלכט מען זיי אָפּ און אָט זייַנען זיי ווידער פֿארקלעקט און באַשריבן מיט הארבוזעס, מיט פּשעניטשקע און נאָך מיט וואָס אין דער וועלט. איינמאָל איז אפֿילו דער מאַמע, דער אווראָמוישע, אריַינ-געגאַנגען פֿון ערגעץ א פֿאַרטראָגענער, פּלוצים דערזעט ער לעם פֿענצטער אף דער וואַנט, אז דער פּלויט איז דורכגעבראָכן אין נאָרטן און א כאַוער מיט אבאַב קליינע כאַזיירימלעך שטייען און צעריען די בייט מיט קאַרטאָפּל.

— א כאָלעריע, אַנ אויסקויקלעניש זאָל אײַנ איטלעכנ טרעפֿנ.—האָט ער געגנומענ שעלטנ די שטובלײַט.—פּרעסערס זײַנענ דאָ כאָטש האָטיע מיט זיי א בריק אונ א קוק טאָנ אַפֿנ גאָרטנ איז ניטאָ קיינער!..

ער האָט געכאַפּט די בײַטש אונ זיך א לאָז געטאָנ צום גאָרטנ אַפֿ די כאַזײַרים, אָבער ער האָט ניט געטראָפֿנ קײַנ גאָרטנ, ער האָט ניט געטראָפֿנ קײַנ כאַזײַרים. ער האָט זיך נאָר אָפּגעשלאָגנ אָנ דער וואַנט מיטנ שטערנ מיט דער האַנט, מיטנ פֿויסט אונ מיט דער בײַטש.

— טפֿו! האָב דיר א שוואַרצ-געהאָרגעט יאָר—האָט ער זיך אויסגעשאָלטנ אונ איז אײַנ אָנגעמאַכט אַניִדערגעפֿאַלנ אַפֿ א שטולכענ אַקעגנ דער וואַנט. די בײַטש איז בײַ אים פֿונ דער האַנט אַרויסגעפֿאַלנ. ער האָט ניט געוווּסט בײַם מײַסט צי זאָל ער זײַנ אײַנקאַעס אַפֿ זיך, צי אַפֿ עמעצנ.

אונ דערדאָזיקער עמעצער, דאָס מיינט מענ טאַקע ליפֿענ אליינ, איז געלעגנ בײַסמיִיסע אונטער דער אַנטקעגנדיקער קאַנאַפּע, וואָס לעם דער זאַל-וואַנט. ער האָט אי געציטערט פֿאַר קלעפּ, אי זיך געהיט ער זאָל זיך ניט צעלאַכנ. ס'האָט אים זייער געשטופּט צום לאַכנ, וואָס דער טאַטע— דער אוראָט-מוישע—האָט פּלוגים געכאַפּט אַזאַ אָפּשניט: ער האָט בעסאַכאַקל געמיינט אַפֿ דער וואַנט מיט די כאַזײַרים, אַז דאָס איז טאַקע אַנ עמעסער גאָרטנ מיט עמעסע כאַזײַרימלעך...

א צווייטנ מאָל האָט זיך געטראָפֿנ א מײַסע עפּעס נאָך א שענערע. ס'האָט געהאַרפּט קומענ פֿונ שטאָט א בראַקער אָנקוקנ דעם קאַפּטיזוטשטינער וואַלד. פֿרידע איז געווענ די סאַמע עלטסטע טאָכטער אינ שטוב, א געזונטע, גראָבע מויד, אַז זי איז געגאַנגענ, האָט אונטער איר די ערד געציטערט. איצט, אַז מענ האָט געוואַרט אַפֿ אַזאַ מיע לײַטישנ גאַסט פֿונ שטאָט, וואָס זי האָט נאָך אַפֿילע ניט געוווּסט אַקוראַט וויאַזוי מענ רופֿט אים אונ וואָס פֿאַרא פּאָנעם ער האָט, האָט זי גענומענ די זאַל—א צימער, וואָס פּוסטעוועט א קײַלעכדיקנ יאָר, ווײַל מענ האַלט אים פֿאַר געסט, א צימער, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט רייכעם פֿונ געטריקנטע שוואָמענ אונ פֿונ אויבסנ, וועלכע ליגנ דאָרטנ אַלע מאָל אינ גרויסע פּאַרטיעס, ביז מענ פֿירט זיי אָפּ אינ שטאָט, אָט די אָ זאַל האָט פֿרידע געשאָבנ, געוואַשנ אונ געקאַלכט. דערנאָך האָט זי אויסגעבעט א בעט מיט א ריינעם צודעק פֿאַרנ לײַטישנ גאַסט ווענג. זי האָט פֿאַרשפּרייט דעם גרויסנ טיש מיט א געפּרעסטע סערוועט, ערשט פֿונ קאַסטנ, אונ זי האָט זיך עטלעכע מאָל צוגעמאָסטנ, וויאַזוי זי וואָלט געזעסנ באַם בראַקעדס רעכטער האַנט אָט דאָ איבנאָנ באַם טיש... אונטער דער סטעליע וועט ברענענ דאָס בליצ-לאָמפּ, אַפֿנ טיש וועלנ שטיינ די שענסטע אויבסנ... אָט דאָס וואָלט געווענ א שיינקײַט!

אָזוי איז זי פֿאַרטיק געוואָרנ באַצײַטנס מיט אַלע צוגרייטונגענ. אונ די זאַל שטייט שוינ ווידער פֿאַרמאַכט אַפֿ דער קליאַמקע. אינ מעשעך פֿונ טעג, קומט אַהינ קיינער ניט אַרײַנ, ווײַל ביז דער באָשעווער גאַסט וועט קומענ, דאַרפֿ נאָך לויט איטלעכנס אויסרעכענונג אַוועקגיינ גוטע אַכט אָדער צענ טעג. געטראָפֿנ האָט זיך אָבער, אַז שווינדלגלאָז דער בראַקער איז געקומענ צופֿאָרנ

אינגאנצנ אומגעריכט ארום צוועלפ באַטאָג, ווענ קײנער איז ניט געווענ אינדערהיים, נאָר אײנ פרידע איז געזעסנ לעם דער הויז-טיר אונ געמאָלקנ די בעהיימעס. נאָכ א רעגנ לאָזט זי אָפ די בעהיימעס אפ דער פאשע, פאַר-שפאַרט די טירנ אונ לויפט אלײנ אויכ אוועק ערגעץ אפנ פעלד צי אפנ באש-טאנ. הערזענ אזא גאסט אינ מיטנ דרינענ, האָט זי זיכ שיר ניט באַגראָבנ א לעבעדיקע אינ דער ערד...

— ווו זײַנענ די באלעבאטים?—האָט דער באָכער אײדל א פרעג געטאָנ.

— געזונט זאָלט איר זײַנ.—האָט זי זיכ ענדלעכ אָנגענומענ מיט מוט אונ געענטפערט אײדל, ווי די מאמע אירע, איר צו לאנגע יאָר, פלעגט אמאָל אופנ-מענ אנ אָנגעלעגטנ שטאָטמאנ. זי האָט אָפגעווישט מיט די נאסע פינגער פונ מילכ איר רויטע אָפגעבאקטע נאָז, וואָס שיילט זיכ, דערנאָכ איז זי ווידער אמאָל געוואָרנ פינפ מאָל אזויפיל רויטער, ווי זי איז קעסיידער, אונ זי האָט זיכ ווײַטער געשטארקט אונ זיכ אָנגערופנ:

— קומט מיט מיר, יונגער מענטש, וועל איכ אײַכ ארײַנלאָזנ אינ זאל, איר זאָלט זיכ דאָרט אביסל אויסרוענ פונ וועג. איר קערט אוודאי וועלנ א גלאָז מילעכ „סיראדאָי”.—האָט זי שוינ גענומענ שיטנ אָנ אנ אָפשטעל.—אינ שטאָט קוקט איר עס אוודאי ניט אָנ אינ די אויגנ. ווײ איז מיר, ווי איר ווערט נעבעכ פארדאָרבנ אינ די גרויסע שטעט אונ דאָ—דאָ וועט איר בא אונדז ניט זשעדנע זײַנ גאָרניט... קומט, קומט.

אונ זי שטופט דעם יונגנמאנ פאַר די אקסלענ דורכ דער קיכ, דורכ דעמ עס-צימער אונ גלײַכ אינ זאל ארײַנ.

זי האָט נאָר געגעבנ אנ עפנ די טיר פונ דער פארמאכטער זאל, ווי דער באָכער האָט זיכ געגעבנ א ריס אפ צוריק, אז ער האָט שיר ניט אומגעוואַל-גערט פרידע פונ די פיס.

— טומ נאָר א קוק אביסל, וואָס שטײט עס אימ דאָרט אזוי ניט אָנ?!—האָט זי בייז א קלער געטאָנ. אָבער ווי זי האָט נאָר א הייב געטאָנ די אויגנ צו דער אָפענער טיר, האָט זי זיכ אויכ א וואָרפ געטאָנ אונ שיר ניט געקליבנ אלע צײנ אפנ אָרט:

וואָס איז?—

הינט מיט אָפענע צעשטשירעטע צײנ, מיט ארויסגעשטעקטע צינגער, אונ מיט ברענענדיקע אויגנ זײַנענ געשטאנענ אונ געקוקט אפ זײ אזוי, אז אָט אָט טוענ זײ זיכ אהער א ריס אונ זײ שלינגענ זײ אײַנ לעבעדיקערהייט.

זי האָט זיכ קאמ אָפגעסאָפעט אונ שוינ א בארויקטע געטרייסט דעמ דערשראָקענעמ גאסט:

— יונגער מענטש, איכ ווייס שוינ,—זאָגט זי,—וואָס דאָס איז: עס איז דעמ בורמילעס ארבעט, קומט, האָט קײנ מוירע ניט. ס'נימ קײנ לעבעדיקע הינט. דאָס האָט ער זיכ ערגעץ אויסגעלערנט פאטשקענ אפ די ווענט. ס'זיצט אינ אימ א נימ גוטער, זיצט אינ אימ, זאָג איכ אײַכ. ער וועט נאָכ אונדז ווענ עס איז

אומגליקלעכע מאכן, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקע, אז ער וועט אונדז מאכן אומגליקלעכער פֿון אומגליקלעכע.

— פֿונוואַנען איז ער דער בורמילע, וואָס איר זאָגט? — פֿרעגט שוין דער גאַסט אויך א ביסל פֿאַרווּנדערט.

— וואָס הייסט פֿונוואַנען? ער איז מאַקע א היגער א געבאָרענער! ס'דאָך אונדזער קלעזמער יאַט, דער מעזיניק אונדזערער!

— איז ער בא אייך א קינסטלער, א „כודאָזשניק"?

— וואָס הייסט עס א מאַכעטאָזשניק.

דער גאַסט האָט זיך פֿאַרקלערט א ווײַלע. ער האָט שוין איר געוואָלט ענטפֿערן אַזוי, אז ס'זאָל איר זײַן פֿאַרשטענדלעך און אָפּ איר לאָשן.

— נו... וואָס ער מאָלט מאַציידזועס?!

— גאָר...—האָט דאָס מיידל אים אָנגעקוקט.—וואָס רעדט איר, וואָס? ער פּאַטשקעט טאָג און נאַכט אויף די ווענט, אויף דער נײַער סטריכע פֿון שטאָל. ס'עט נאָך אים מוזן ווען עס איז אויסדרייען די הענט מיט די פֿיס, אז ניט וועט מען פֿון אים ניט פּאָטער ווערן. ס'איז אייך הײַם, יונגער מענטש: אָט זעצט זיך אוועק באַם טיש. איך דערלאַנג אייך שוין, די רענגעלע, א גלאָז סיראָדאָי.

דער באָכער האָט זיך געוואָלט אנידערזעצן באַם טיש און זיך טײַקעף אָפּגערוקט א ביסל מיטן בענקל אָן א זײַט.

— וואָס איז ווײַטער? פֿרעגט שוין דאָס מיידל.

— ס'גאָרניט, ס'גאָרניט—ענטפֿערט דער באָכער,—נעמט זיך ניט צום האַרצן. דאָ טריקענען זיך אויפֿן טישטעכל לאָקשן און סטרוטשעס, ווײַל איך זיי ניט פֿאַרשמירן. איך בין פֿאַרשטויבט פֿון

— אוי, א ווייטיק איז מיר! האָט קיין זאַריבל ניט,—איז דאָס מיידל געוואָרן ווידעראַמאָל רויט. איצט איז זי שוין געוואָרן אינגאַנצן אויף דער מומע.—קיין אנדער אָרט האָט זי ניט געקענט געפֿינען אויף אויסשיטן די סטרוטשעס מיט די לאָקשן טריקענען, ווי נאָר אין זאַל אויף דער ווײַסער סערוועט.

— שוין,—מאַכט זי, די מינוטקעלע נעם איך עס אראָפּ.

זי איז צוגעלאָפֿן, האָט א כאַפּ געטאָן דאָס טישטעכל פֿאַר אַלע פֿיר בערגן. ס'זאָל זיך דאָ כאָלילע גאָרניט פֿאַרשיטן, און איז מיט אים אוועקגעלאָפֿן אין קיך צום ברייטן הילצערנעם מאָפּטשאַנ און—טרעס, טרעס—מיט א קאַעס, אָבער די לאָקשן ווילן זיך ניט שיטן.

— א ווייסטער כאָלעם צו אײַערע קעפּ!—האָט זי שוין אויסגעשאָטן מיט א קאַעס. נאָר די לאָקשן ווילן זיך אלץ ניט שיטן.

לאָזט זיך אויס, אז דאָ זײַנען גאָר ניטאָ ניט קיין לאָקשן, ניט קיין סטרוטשעס. דאָס האָט ווײַטער דער מאַכעטאָזשניק אָנגעפּאַטשקעט... ער האָט ערגעץ געקריגן פֿאַרב...

— ס'וועט זיך דאָך ניט אָפּוואַשן! א קרענק אויף אים א גרויסע!...

ליפּעס גליק, וואָס ער איז די רעטע ניט געווען אויף די אויגן, ווארעם ס'וואָלט אים געווען אויסגיין צו א ווייסטער סאָף.

## 3. אָבער ווו איז ליפּע?

אינ אָוונט האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער בראקער שווינדלגלאָז איז גאָר ניט אזא גרויסער פּאָרעצ בא זיכ. ער האלט זיכ זייער היימיש, ער איז בייז, אויב מענ רופֿט אימ „גאָספּאָדינ", „הערעלע", אָדער „מאָסיע". פּאָשעט זאָל מענ אימ רופֿנ: כאווער שווינדלגלאָז, אָדער גלאט שווינדלגלאָז אָנ קיינשום צולאָגנ. מענ האָט אלע געגעסנ וועטשערע. די הייסע שיסל קארטאָפֿל אינ מיטנ טיש האָט געלאָזנ א פּארע פֿונ זיכ, ווי פֿונ א לאָקאָמאָטיוו. טעלערס מיט זויערמילכ זיינענ געשטאנענ פֿאר יעדנ באזונדער. שווינדלגלאָזנ האָט מענ אוועקגעשטעלט א טע-לער מיט סמעטענע. א טעלער מיט פּרעזשעניצע, א גלאָז מילכ „סיראָדאָי" אונ מע האָ אימ געבעטנ ער זאָל עסנ, זיכ ניט לאָזנ בעטנ. מע וועט אימ באלד געבנ קייכעס אויכ. אונ קייכעס קער האָב זיינ בא זיי א נאָוועניע.

אלע זיינענ יאָנטעוודיק איבערראשט פֿונ דעמ גאסט.

אווראָמטשיכע ווייס, זי האָט סאָנים אינעמ נאָענטנ דאָרף, וועלנ זיי צע-פּוקעט ווערנ פֿאר קינע, וואָס דער גאסט איז פֿארפֿאָרנ ניט צו זיי, נאָר צו איר. פֿרידע, וואָס האָט געמיינט, אז זי איז שוינ גאָר היימיש מיטנ גאסט, פֿלעגט אלע מאָל ארייננגיינ א קוק טאָג אינעמ פֿינצטערנ זאל, צי די בעט איז ניט צעטוי-טשעט. זי פֿלעגט א גלעט געבנ זיינ גרויסנ גרויסשטאָטישנ רעגנמאנטל אונ שוינ אמאָל פּוצנ, אז זי הענגט איבער זיינ היטל. דער טשוואָק זאָל אימ ניט מולענ. אלע מאָל, ווענ ער קומט ארייננ אינ זאל, ווערט איר פּנים אומהיימ-לעכ פֿאר די הינט מיט די אויסגעשטרעקטע צינגער. אפֿדערנאכט זיינענ זיי נאָכ סטראשנער ווי באטאָג, אָבער שווינדלגלאָז האָט אָנגעזאָגט אינ געוואָרנט ביז גאָר מענ זאָל זיי ניט אָפּטשעקנ אונ ניט אָפּווישנ. דעמ טישטעכ מיט די אָנגע-מאָלטע לאָקשנ האָט ער ציטריק צונויפֿגעלייגט אונ באהאלטנ בא זיכ אינ טשעמאָדאנ.

— איכ וועל אייכ ברענגענ,—זאָגט ער,—פֿאר אימ א טישטעכ צענ מאָל א שענערנ, אונ צענ מאָל א טייערערנ.

„בורטילע" האָט עס דערלעבט,—האָט פֿרידע טיפֿ אינ הארצנ ניט פֿאר-גונענ,—אז אזא מינ איידעלער מאנ זאָל זיכ אפֿ אימ פֿרעגנ.

ווענ זי כאפּט אימ כאָטש איידער ער קומט ארייננ אינ שטוב אונ ווענ זי וואשט אימ אָפּ דעמ בלאָטיקנ פּאָנעמ זיינעמ.

אינ עסצימער באמ טיש בעט אווראָמטשיכע בא שווינדלגלאָזנ ער זאָל אימ דערציילנ, וואָס הערט מענ עפּעס אפֿ דער וועלט נייס. אונ דעריקערשט דערי-קערשט האָט ער געהערט, אז אינ אמעריקע איז א נאָכפֿרעג אפֿ אונדזערע שוואָמענ אונ אפֿ געטריקנטע טשערניצעס. איי וואָלט עס געווענ א מייכל...

א'סער האָט זיכ א רידער געטאָנ באמ טיש. ער האָט טייקעפֿ געגעבנ א רעכנ אפֿ די פֿינגער וויפֿל פּוד שוואָמענ אונ טשערניצעס זיי האָבנ אינדערהיימ, אונ וויפֿל מע דארפֿ זיי נאָכ צונויפֿירנ. אויב ס'איז אנ עמעס, אז גריבעס זיינענ

געוואָרנ טײַערער אַפּ צוויי מאָל אזוי פּיל, וויפּל וועלנ זיי שוינ דענסטמאָל האָבנ הונדערטערס?!

אָבער שווינדלגלאָז איז עפּעס א מאָדנער מענטש. מענ רעדט צו אים ערנ־סטע זאכנ אונ אים ליגט אינ קאָפּ דער רועכ ווייסט וואָס. „ווּ איז ליפּע"? „אונ ווּ איז בורמילע?". ער וואָלט אים שוינ וועלנ גיכער אָנקוקנ... ער הערט נאָר נים אוּפּ צו סמאָקעוועג. דו ביסט א מיוונ ווי ס'טוט זיכ דאָ א ביסל. די גרויסע מעציע, וואָס ער האָט דאָ געפֿונענ.

— איכ בעט אײַכ,—האָט אווראָמטשישע זיכ שוינ אַפּילע אָנגענומענ מיט האָזע,—איר האָט דײַגע, אז דער בורמילע וועט ערגעצ פֿאַרפֿאַלנ ווערנ? איכ בינ אײַכ אנ אָרעוו, אז ס'וועט זיכ מיט אים גאָרנישט ניט טרעפֿנ... געפֿונענ פֿונ וועטענ צו ריידנ!..

די אווראָמטשישעכע טוט א ווונק צו אווראָמטשישענ, אז ס'ניט שיינ אזוי צו ליאַפּענ אַפּ אנ אייגנ קינד.

— איר מענט מיר גלויבנ—האָט זי איידעלערהייט אָנגעהויבנ אַפּ איר גראָבער אויסשפּראַכ— וויפּיל מיר האָבנ אַרײַנגעלייגט קלעפּ אינ אָט דעם קינד, אז מענ דאַרפֿ זײַנ פֿונ אײַזנ, עס זאָל זיי אויסטראָגנ אַפּילע א גרויסער.

שווינדלגלאָז איז געוואָרנ אוּפּגעזאָרנ. ער האָט געגעבנ א רוק פֿונ זיכ די טעלערס אונ שיר ניט א קלאַפּ געטאָנ מיטנ לעפּל איבערנ טיש.

— ווילדע ברויִמ, וואָס איר זײַט! פֿאַרוואָס זאָלט איר אים שלאָגנ? פֿאַר־וואָס זאָל זיכ בא אײַכ אוּפּהייבנ א פּילע א האנט?! בײַשער איר האָט ניט ווּ דעם געזונט אהינצוטאָנ, בײַשער איר זײַנט געזונטע ברויִמ מיט פֿאַרשטאָפּטע קעפּ?! ווּ איז האָם יינגל? ווײַזט מיר אים.—איז ער אַרויס פֿונ פֿאַרנ טיש, — לאָמיר אַפּ אים ענדלעכ אקוק טאָנ!

— איסער, שפּרינג נאָר אַרויס אונ טו אים ערגעצ א זוכ.—האָט אווראָמטשישע אָפּהענטיק א זאָג געטאָנ.—עפּשער איז ער אַפּ די הלינישטשעס, דאָרטנ, ווּ די פֿערד גייענ אַרומ.

אונ די אווראָמטשישעכע (מענ זעט ווי ס'קאָסט איר געזונט בײַסטײַסע) רעדט אים אײַנ דעם בראַקער.

— מיר ווילנ ס'זאָל אײַכ זײַנ בא אונדז גוט אונ איר האָט זיכ נאָר גענומענ יאדענ פֿונ דער רועכ ווייס וואָס. ס'זאָל זײַנ א רעכטער יינגל וואָלטנ מיר אײַכ אליינ געזאָגט. בא אים איז, נימ פֿאַרונדז געהאַקט, דאָ ניט מיט אלעמענ— אונ זי טוט א פֿיר מיטנ לינקנ ווײַזפֿינגער איבערנ שטערנ.

שווינדלגלאָז האָט גענומענ אַרומגיינ אוּפּגערעגט איבערנ צימער.

— אז איכ וועל אײַכ זאָגנ, וועט איר דענ פֿאַרשטיינ?!—האָט ער זיכ פּלוּצים אָפּגערופֿנ. איר זעט? קוקט אהער! אָט האָם א ווײַדעלע פּונעם כאַזער, וואָס ער האָט אָנגעפּאַטשקעט אָנאָ אָ אינ ווינקעלע, איז טײַערער פֿונ אלע אײַערע זעק מיט גריבעס אונ טשערניצעס אונ וואָל, אונ אויב איר ווילט, קענט איר נאָכ פֿאַרעכענענ דעם גאַנצנ קאַפּטיוּוטשינער וואַלד אינ קאָנ.

אוואַסטווישע מיט אוואַסטווישעכע האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן זיך מיטאמאָל שטאַרק אנטוישט אין יונגנמאַן, כאָטש א ביסל איז גאָר האָט ער זיי אַריינגעוואָרפֿן.

—נאָך—מיר—נימער—ערגער. —האָט אוואַסטווישע פּלוצים מיט א גניי-זוויש-פֿרומער מינע זיך א צופּ געטאָן באַ דער באָרד. און אוואַסטווישעכע האָט צוגעגעבן:

— ס'איז א קינד, וואָס קיין נוץ קענען מיר פֿון אים קיינמאָל ניט האָבן אַפֿילע אַף קיין גראָשן, לאָזן מיר אים מיט דער נאַטור. אַז ער וועט פֿאַרפֿאַלן ערגעץ אַף א טאָג, צי אַף צוויי, זוכן מיר אים ניט, ווייל אָן אים איז אונדז גרינגער, ווי מיט אים. איר ווייסט דען וויפֿל שאָדן ער טוט אונדז אָן?

פֿרידע האָט געהאַלטן מיט שווינדלגלאָזן.

— אָ, זעסטו שוין מאַמע, אָבער דער קאַפּטיזווטשינער דיאַק האָט טאַקע געזאָגט, אַז ס'איז ניט קיין יִנגל, אַז ס'זיצט אין אים א זיט גומער!..

— ס'זיצט אין אים א טאַלאַנט! ווייסט איר שוין וואָס דאָס איז? דאָס איז אזא מין אייצער, וואָס אינערע קעפּ זיינען צופֿיל פֿאַוואָקסן מיט פֿלייש, אַז זיי זאָלן אים קענען אָפּשאַצן!.. ווייסט איר שוין וואָס דאָס איז? דערלאַנגט אהער וואָך גיכער דעם יאַט, לאָמיר כאָטש אַף אים א קוק טאָן!

## 4. אהין, אהין...

ס'איז געווען נאָך דעם, ווי די מומע האָט געשלאָגן ליפּען, אים געקאָפּעט מיט די פֿיס דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿון איר אויסגעמאָלט א „קריסטלעכן גאָט“.

דעם טויער האָט מען שוין אַסאַך מאָל געוואַשן און ער האָט אים אַסאַך מאָל באַמאָלט. די קלעפּ, וואָס דערלעבן זיך ניט פֿאַרהיילן פֿון איין מאָל ביזן צווייטן, פֿאַרגעסט ער.

און אַז די לייט זיינען זיינע אוועקגעפֿאָרן אַפֿן אכטאָגיקן יאַריד קיין אלעקסאַנדריעווקע, אָ דאַן האָט ער שוין געמאָלט וויפֿל זיין האַרץ האָט אים געגלוסט, יאַוודאָכע די אַלטע, פֿאַרפֿרומטע פויערטע, וואָס איז געבליבן באַ זיי אין שטוב אַף צוזען די בהימעס, פֿלעגט אים אין קיין שום זאַך ניט שטערן. פאַרקערט, זי האָט נאָך אים געבעטן ניט איין מאָל: „ליפּאָטשקע,—מאַכט זי צו אים,—מאָל עפּעס אָן א גאָט.

האָט ער אָנגעמאָלט.

ער האָט פֿון אָנפֿאַנג אַפֿילע ניט פֿאַרשטאַנען, ליפּע, אקוראַט, וואָס זי וויל פֿון אים. נאָר ס'איז אים געווען גוט, וואָס זי רעדט צו אים מיט גוטן און עפּשער איר צוליב האָט ער אויסגעמאָלט אָט דעם אָ גרויסן גאָט אַפֿן טויער אַנטקעגן מאַמע שליאַך.

די שטיוול באַם גאָט זיינען געווען דעם טאַטנס. די צוויי רויטע הענט—פֿרידעס. דער שטעקן אין האַנט—איסערס, דער פּאָנעם—דער מומעס און די שאַלבנדל—יאַוודאָכעס. א גאָט איז עס אַרויסגעקומען דאַפֿקע א נישקאָשעדיקער,

ווילדע אַלטע נאַרישע און פֿרומע חורבֿגייענדיקע און חורבֿפֿאַרנדיקע דאָרף-לײַט פֿלעגן אַראָפּנעמען די היטלען און זיך צײלעמען. אָבער, אַז די לײַט זײַנען געקומען פֿון יאַריד און די רויטע שקאַפּע האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן טויער, האָט פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט פֿאַרקערעווען אַהער און אַלע האָבן דערקענט אינעם גאָט דער וואָראָמווישעכעס פּאָנעם, האָט שוין ליפּע געלייזט פֿון דער וואָראָמווישעכנע ווי קיינמאָל ניט. און דענסטמאָל איז בא אים צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק, וואָס ער האָט שוין לאַנג זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, אַז ער פֿאַרלאָזט דאָ אַלץ מיט אַלעמען און לאָזט זיך אַוועק אַהין, אַהין... און מער וועט שוין אַהער אין דער אָ שטוב זײַן פֿוס ניט קומען.

דעם עמעס געזאָגט האָט אים שוין דער „אַהין" געצויגן לאַנג צו זיך. דאָס איז געווען וואָסערע 7, 8. ווערסט פֿון דאָרף און אַז ער פֿלעגט קוקן אַהין פֿונעם גרויסן זאַל-פֿענצטער און זען, ווי ס'גיסט זיך דאָרט צונויף דער הימל מיט עפּעס גרינס, וואָס גייט איבער אין בלוי, פֿלעגט זיך אים ווייער פֿאַרווילן אַהין. ער פֿלעגט פֿילן, אַז ס'שלעפּט, ס'ציט אים אַהין, ווי מיט צוואַנגען.

אונדז איז גרינג זיך אָנצושטויסן, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַן אַהין. ס'איז געווען דער קאַפּטיוואָטשינער וואַלד. אַ גרויסער וואַלד, אַ געדיכטער וואַלד, אַ שיינער וואַלד. אַהין האָט עס קעסיידער געצויגן ליפּען, ווי מיט צוואַנגען, און איצט נאָך די לעצטע אין שווערסטע קלעפּ איז דער באַשלוס זײַנער געוואָרן רײַף און פֿאַרטיק ביזן סאָף. באַנצפֿרי איז ליפּע אַוועק. ער האָט די טיר נאָך זיך ניט פֿאַרשלאָסן, ער האָט דעם טויער נאָך זיך ניט פֿאַרשפּאַרט. ניט צוליב צעלאָכעס האָט ער אַזוי געטאָן, נײַן, פּשוט. ס'האָט אים אַזוי שטאַרק אַ ציי געטאָן צום „אַהין", אַז אַלץ דאָס איבעריקע איז שוין פֿאַר אים געווען ניט וויכטיק.

עפּשער האָט ער יאָ געהאַט אָפּן וועג באַגעגעניש און עפּשער ניט. קען זײַן, אַז ניט, וואָרעם דעם וועג האָט ער אַהין ניט געוווּסט, איז ער געגאַנגען אַהין גלײַך-גלײַך. וויאַזוי גייט מען עס גלײַך-גלײַך? אַז ער האָט ניט געוואָלט אָפּקערעווען אינערגעץ, איז ער געקראָכן דורך גערטנער, דורך פֿעלדער, דורך פּלויטן, דורך סעדער. דוכט זיך, אַז עמעצער האָט אים געהאַט געשלאָגן אויך — מע האָט געמיינט ער גייט עפּעס באַנוועגע פֿונעם הויף סאָד. אָבער ווער הערט זיך צו צו קלעפּ? קלעפּ זײַנען שוין פֿאַר ליפּען קיין נײַס ניט געווען. אָפּן וועג איז ער דורכגעגאַנגען דורך נאָך אַ דאָרף. אַלץ איז דאָ אַזוי נײַ, אַזוי שיין און דער „אַהין" איז שוין טאַקע אַזוי נאָענט, מאַמעש מיט די הענט צו דערלאַנגען.

— ליפּעלע, — באַזערט ער צו זיך אַליין, — בערמילקעלע... אָנאָ... אָנאָ!

ער האָט אַזוי לאַנג געבאַזערט „אָנאָ" „אָנאָ" און די אויגן האָבן בײַם סײַסע ניט געקוקט וווּ די פֿיס גייען, ביז ער האָט פּלוצים געגעבן אַ פֿאַל אַראָפּ פֿון אַ פּריפּעטשיק און זיך גענומען קאַטשען אַראָפּ. האָט ער זיך געקאַטשעט, געקאַטשעט, זיך ניט געקענט אָפּשטעלן, ביז ער האָט געגעבן אַ פּליושק און אין וואַסער אַרײַן. ליפּע איז אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ס'איז אים אומעטום נאַס, ס'גיסט פֿון אים און ס'רינט, האָט ער פֿאַרשטאַנען און האָט דאַפּקע געטאָן דאָס, וואָס נאָך מענטשן טוען אין אַזעלכע פֿאַלן.

פֿאַר דער צײַט, וואָס ער האָט געדריזשעט מיטנ גאַנצנ לײַב אונ האָט אויסגעדרייט זײַנע בנאָדים, האָט ער דערווײַל געזענ, ווי שיינ אָט דאָס טײַכעלע איז... ס'איז עפּעס גיט קיינ טײַכ—קיינ „בעהיימע", נאָר א טײַכ—א „קעלבעלע", א טעליטשקעלע. ס'שינעט זיכ פֿריילעכ אנטקעגנ דער זונ, ס'מאַכט כיינדעלעכ, ס'שמייכלט צו ליפּעלענ אונ רופֿט אימ ער זאָל נאָכ דאָ זײַנ. אָבער... צי דענ זאָל ער זיכ לאָזנ אײַנריידנ אונ שטיינ דאָ כאָטש איינ רעגעלע? אז אָנאָ איז דאָכ שוינ דער „אהינ" אונ ליפּע האָט זיכ נאָר אָנגעבויגנ, זיכ אָנגעטרונקענ פֿונעמ טײַכל. אונ ער האָט עס געטאָנ ניט אזוי ווי עמעצער טרינקט, נאָר אזוי ווי מע קושט א געשמאַקע, א געטרײַע זאַכ. דערנאָכ האָט ער פֿאַרקאַטשעט די אויסגעקוועטשטע קאַלאָשוועס ביז די קני אונ איז איבערגעגאַנגענ דאָס פּליטקע טײַכעלע.

— נו, גוט—זאָגט ער.—איכ וועל נאָכ מיטאַסטאַמ אהער קומענ אונ ער איז אוועקגעלאָפֿנ טשוואַלאָמ צו דעמ שיינעמ בוימ, וואָס איז געשטאַנענ אַנטקעגנ.

אזוי ווי א קאָפּ געדיכטע קרײַזלדיקע האָר הייבט זיכ אָפּ(אָנ פֿונ די פּייע-לעכ, אָדער פֿונ שיטערע עטלעכע קושטשיקלעכ האָר אפֿ דער פּאַטיליצע, אזוי האָט זיכ ליפּע טכילעס, באַמ סאַמע אָנהייב פֿונ וואַלד אָנגעשטויסנ אפֿ די ערשטע שיטערלעכע קופּקעלעכ מיט יונגע ביימעלעכ.

נאָכ א לאָפֿ אונ נאָכ א לאָפֿ.

ליפּע איז געבליבנ שטיינ א פֿאַרגאַפֿטער.

אוי! — — —

אוי! — — —

ער האָט זיכ דערפֿילט אינ א שיינעמ וווּנדערלעכנ קעניגרײַכ, ווו אלצ איז שיינ, ווו אלצ איז כיינעוודיק אונ דערהויבנ. בא ליפּענ האָבנ גענומענ לויפֿנ טרערנ פֿונ די אויגנ. ער ווישט, ער ווישט די טרערנ. ער שלינגט זיי אונ שלינגט, אָבער ער קענ אלצ ניט אָפּרײַסנ די אויגנ פֿונעמ וווּנדערלעכנ ארומ.

ליפּע בלאָנקעט אונ קוקט. שטרויכלט זיכ. קלאַפּט אָפּ דעמ באָרוועסנ פֿוס אָנ א שאַרפֿנ פּענ, נאָר ער הערט זיכ ניט צו. ווו האָט ער צײַט זיכ צוהערנ צו אזעלכע זאַכנ. ער גייט אלצ פֿאָרויס אונ די בליקנ פֿיבערנ אונ קענענ זיכ ניט אָנזעטנ. די פּיאַטעס זײַנענ שוינ אָנגעבראָקנט ווי קישעלעכ אונ ער גייט נאָכ אלצ. ערשט נאָכ האַלבנ טאָג, אז ליפּע האָט דערזענ, ווי א וועווערקע זיצט בא זיכ לעמ דער היימ אונ זי האַלט אינ די פֿאָדערשטע לאַפּקעלעכ א ניסל אונ גריזשעט עס, ערשט דאַנ האָט זיכ ליפּע דערמאָנט, אז ער וואָלט אויכ עפּעס וועלנ אַרײַנלייגנ אינ מויל.

ער האָט געגעבנ א זוכ מיט דער האַנט אינ בוזימ אונ ארויסגענומענ פֿונ דאָרטנ א שטיקל ברויט, וואָס איז צוגעהאַרט געוואָרנ פֿונ איינ זײַט. נאָר ווי געשמאַק ער עסט עס, ליפּע. ער האָט זיכ אָנגעשפּאַרט אָנ א בוימ פּונקט אנטקעגנ. ער עסט אונ דאָס וועווערקע עסט. פּלוצימ האָט עפּעס א שאָרכע געטאָנ. דאָס וועווערקע האָט אוועקגעטאַנצט פֿלינק, ווי א ווייעלע. ליפּע איז געבליבנ

וואַרטן מיטן ביסן אינ מויל. ער וויל וואָס וועווערקע זאָל דאָ אויך זײַן, וועט אים זײַן בעסער צו עסן.

דאָס וועווערקע איז אינ אַ מינוטקעלע אַרום טאַקע געקומען צוריק, אָבער ס'האָט שוין ניט געגעסן. ס'איז אומגעשפּרונגען הינ און צוריק, הינ און צוריק איבער די צווײַגן, פֿונ דעם בוים אַפֿ דעם צווייטן, נאָך אַפֿ איינעם און צוריק. אַלע מאָל רײַסט זיך ליפּען אָפּ אינ האַרצן מאָמער וועט עס נאָך אַרינטער-פֿאַלן... אָבער דאָס וועווערקע קלערט אַפֿילע ניט פֿונ פֿאַלן. נאָר איידער ס'האָט זיך אָפּגעריסן פֿונ איין בוים. האָט שיינ אים דער צווייטער בוים אַזוי ווי אונטערגעשטעלט אַ צווײַגל—האָפּ! און ס'איז שוין דאָ...

ליפּע קוקט עס נאָך לאַנג, לאַנג, אָבער ער איז מיד. נעמען זיך אים קלעפּן די וויעס. ער זעט פֿאַר זיך אַ גרינע וועלט, וואָס איז צונויפֿגעפּוצט מיט קאָלירטע פֿייגעלעך און מיט טונקל געלע וועווערקעס און ער ווערט אַנשלאָפֿן.

---

די ערשטע צײַט האָבן אוראַמטוישע מיט אוראַמטוישעכע זיך ניט גענו-מען שטאַרק צום האַרצן, וואָס ליפּע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. „אַ קליינער העזיק,—פּלעגן זיי טראַכטן צו זיך אַליין,—ניט הײַנט איז מאָרגן. ס'וועט אים מיסטאָמע עמעצער ברענגען צופֿירן". „אַז ס'וועט ניט גיין אַפּ העזעק, וועט עס זיך אָפּזוכן".—האָט אוראַם-טוישע זיך געכאָכמעט מיט אַ גרינגער האַרץ.

אוראַמטוישע אַליין איז אויך ניט ווײַט אַוועק פֿונ זײַן ווײַב, אָבער פֿונ-דעסטוועגן ענטפֿערט ער איר אָפּ מיט קאַעס:

— טשעפּע זיך אָפּ פֿונ מײַנע יאָרן! מיינסט אַוואַדע, אַז דער רוּעך וועט אים אַוועקכאַפּן—אַזאַ מינ געראָטענעם זונ, וואָס איך האָב אויסגעהאָדעוועט. דײַגע ניט, איך קאַוויר דיך, אַז ער וואַלגערט זיך ערגעץ אינ אַ דאָרפּ בּאַ אַ פּויער און פּאַמפּעט קאַרטאָפֿל געפּראָטענע אַפּ ביידע באַקן. אָ,—אָ!—בּלאָזט ער אָן בייסמײַסע זײַנע געל-באַוואַקסענע ביידע באַקן מיט אַ פֿריילעכער מינע, איינער מיינט, אַז דעם יאַט כאַפּט שוין גראָדע דער רוּעך ניט אַוועק.

אָבער צו אוראַמטוישעכען שטייען אָט די אָטרייסט-ווערטער ניט צו. כאָטש באַטאָג איז איר אַסאַך היימלעכער, ווי באַנאַכט.

— אוי! ניין!— ענטפֿערט זי, די אוראַמטיישעכע.—ווו האָסטו עס געזען, אַז אַ קינד (ווי לאַנג איז עס ליפּע פֿאַרעכנט געוואָרן בּאַ איר פֿאַר אַ קינד?!) זאָל אַזעלכעס אויסלעבן. גאָט געטרײַער, זאָלסט מיר נאָר ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד: איך האָב געמיינט, אַז אַזאַ מינ יאָסעמל, ניט דאָ געדאַכט, ניט קיינ געראָטנס, טאָמער וועט ער זיך ערגעץ אָפּזוכן דעם טויט און מיר זאָלן ניט זײַן פֿאַרמישט אינהרינעט... אַ שלאַק האָט זי אײַנגעשלאָגן אַ גרויסער...

בּאַ אוראַמטוישען ווערט ווייך דאָס האַרץ און ער טרייסט זי שוין מיט גוטן:

— דאַרמאַ,—זאָגט ער.—בײַע לייע, ווען פּויערים זוכן עפּעס אָפּ אינ וואַלד אַ טויט קינד, אָדער ביינער פֿונ אַ מענטשן, וואָלט זיך עס געהערט אַפֿן אָק-רענט.

— נו, וועט זיך עס הערן? — ווײַנט די אוראָסמאָווישיכע. — אַז ס'ווינטער אַף דער גאַנצער וועלט... אַלץ האָט דער שניי פֿאַרדעקט און באַגראָבן אונטער זיך, ווי און ווינד איז מיר!..

אוראָסמאָווישע האָט זי אָבער ניט אויפֿגעהערט צו טרייסטן און ערט איר געזאָגט, אַז זאָל זי נאָר ניט וויינען און קלאָגן. אָט איז שוין אין אַ כווירעש אַרום וועסנע. דער וואַלד וועט זיך אָפּרעקן פֿון די שנייען. מיט די וואַסערן פֿאָרט ער אַוועק מיט איסערן, מיטן עלטערן זון מיט זײַנעם, ער וועט נאָך צודינגען אַ פּאָר געניטע פּויערים אויך, און זיי וועלן איבערקערן דעם גאַנצענעם וואַלד. נישקאָשע, זיי וועלן ניט קומען אַ היים ביז זיי וועלן ניט ברענגען כאָטשבי אַ סימען, כאָטשבי אַ גערעכעניש פֿונעם בורמילע.

דעם זעלבן ווינטער — דעם עמעס זאָגנדיק איז עס נאָך אַפֿילע רעכט ווינטער ניט געווען. ס'האָבן נאָר גענומען אַרויספֿאַלן די ערשטע שנייען — האָט אַ פּויער פֿון אַ פֿרעמדן דערפֿל, וואָס האָט געפֿירט אַף זײַן פֿורל היי אין שטאָט אַרײַן צו פֿאַרקויפֿן, אונטערגענומען אין וואַלד אַ נעפּעשל, וואָס האָט קאָם געווישי-פּעט. די באָרוועסע באַוואָקסענע פֿיס זײַנען אים געווען צעשוואָלן פֿון קעלט און דאָס באַשעפֿעניש איז שוין ביכלאַל ניט געווען ענלעך אַף קיין מענטשן. דער פּויער האָט אָבער טייכל געהאַט און פֿאַרפֿירט דאָס יאָטל אַף זײַן פֿור היי גלײַך אין שפּיטאָל אַרײַן.

— נאַט אײַך, — זאָגט ער. — ראַטעוועט אים, קוים ס'טליעט נאָך אין אים אַן אייוועד.

— ווו זשע האָסטו עס אים דערטאַפּט אַזעלכן? — פֿרעגט דער „סיוועד“ באַבילטער דאָקטער אינעם ווײַסן ברינזלדיקן פֿאַרטעך.

— אין קאַפּטיוואָטשינער וואַלד — ענטפֿערט דער פּויער קורץ.

— קענסטו אים גאָרניט? ווייסט ניט וועמעס ער איז? וואָס ער איז?

— אײַסעך וואָס, איך הייב אים גאָרניט אָן צו קענען, — האָט דער באַרע-דעווודיקער פּויער גענומען בערן מאָלן, — פֿאַרשטייט איר מיך, ניט ווײַט פֿון משערוועטער טײַכל האָב איך זיך צוגעשטעלט די פֿערד פּאַשען און אַליין עפּעס איבערכאַפּן... דערנאָך בין איך אָפּגעלאָפֿן עטלעכע טריט אַביסל טיפֿער אין וואַלד, איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב די גאַנצע צײַט אײַזיגע גע-האַט אויסשנײַדן אַ פּאָר נײַע פּוזשעלעס אין קאַפּטיוואָטשינער וואַלד. דאָרטן וואַקסן יונגע ניסן-ביימלעך. איך לויף אָפּ עטלעכע טריט, ערשט איך זע, אַז ס'שטעקט עפּעס אַרויס פֿון שניי אַ שוואַרצע זאַך. קיין קאָרעט זע איך איז עס ניט... אַ קאַשע אַף אַ מײַסע: טו איך צו זיך אַליין אַ קלער: טאָמער איז עס אַ בערעלע, אָדער עפּעס אַזוי אַ בהמע האָט זיך האָ גענומען אײַנריען אַף ווינטער. באָטשע האָ די לעצטע יאָרן הערט מען שוין ניט אין אונדזערע ערטער קיין בערן. איך נעם פּאַמעלעכקע און שאַר פֿאַרנאַנדער מיטן פּודזשעלקע די בלעטער, ערשט ס'איז נאָר פּראָסט און פּאָשעט אַ מענטשעלע באַשעפֿעניש

— און וואָס איז עס פֿאַר אַ פּעקל?

— זאָל מיך אַזוי וויסן בייז... ס'איז בערעזעווע קאָרע. ער קער עס צו עפּעס באַדאַרפן, וואָרום אַז איך האָב אים גענומען האָט ער זיך געהאַלטן שטאַרק פאַר דעם און עס ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

דאָס יאָסל האָט מען פאַרשריבן אָן א נאָמען, נאָר אונטער א נומער: כוילע נומער 36.

אַז מען האָט דעם יינגל אַביסל אָפּגעכיינעט, האָט ער מוירע געהאַט פאַר די מענטשן אַלע—פאַר די דאָקטוירים, פאַר די פעלדשערים מיט די סאַניטאַרן. ער פלעגט עסן נאָר דאַן ווען זיי פלעגן ניט זיין דערביי...

איין מענטש איז אים האָרטן יאָ געווען צום האַרצן. דאָס איז די אלטינקע—די אויפראַמערן, וואָס פלעגט צוקלייבן און אויסקערן די פּאַלאַטע.

איינמאָל, ווען ס'איז קיינער ניט געווען אין פּאַלאַטע כוץ איר מיט אים, גייט זי צו אים צו, טוט אים א גלעט באַם קאָפּ און פרעגט אים.

— וויאַזוי רופט מען דיך, יינגעלע.

— ליפּע,—האָט דער כוילע נומער 36 געענטפערט מיט א קלוגן דאַנקבאַרן שמייכל.

— און וויאַזוי איז דיין פאַמיליע?—האָט די אלטינקע זיך שוין אונטער-נעגאַנוועט אַלץ ווייטער און ווייטער.

אָבער דאָ האָט ער א פּיר געטאָן מיטן קאָפּ און ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

— וויאַזוי רופט מען דיך נאָך?—האָט די אלטינקע געפרעגט.

— בורמילע.—האָט דאָס יאָסל געענטפערט און איז קענטיק געווען צופרידן, וואָס עס פאַרשטייט שוין סאָף-קאָל-סאָף איר פראַגע.

די אלטינקע האָט אויך געשמייכלט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז בורמילע איז ניט קיין פאַמיליע-נאָמען, נאָר אַזוי א צונעמעניש.

— דו האָסט ערגעץ א טאַטן מיט א מאַמען?

דער יינגל איז געוואָרן אומעטיק און ער האָט ניט געענטפערט.

די אלטינקע האָט א זיפץ געטאָן און מעקלערט צו זיך אַליין:

— נעבעך... א קינדערדיקער יאָסעם!

— צו וועמען זשע האָסטו עס געטראָגן דאָס בינטל קאָרע?

— אוי! דו האָסט עס?—האָט זיך ליפּע צעשיינט מיט אַלע כושים.

— ס'ניט בא מיר,—האָט די אלטינקע געענטפערט,—נאָר ס'דאָ... קיינער וועט עס ניט צעבינדן, ביז דו וועסט אַליין ניט הייסן.

דאָס יאָסל האָט גענומען קוועלן. אויפן ברייטן פּנים האָט זיך בא אים אויסגעגאָסן א פריידיק בענקעניש צו א נאָענטער זאַך, וואָס אָט איז א רעגע אַרום— העדזשט ער עס שוין. די אויגן האָבן זיך בא אים צעגלאַנצט מיט א הערלעך פייערל.

די פרוי האָט זיך אַביסל פאַרלאָרן פון אַזאַ באַגייסטערונג, וואָס זי האָט

פלוציס דערזען אפנ קראנקנ, װעלכער האָט ביז איצט אינ בעסטנ פאל מער ניט ארויסגערופנ װי ראכמאָנעס.

זי איז אװעק גלײַכ צום אלטנ דאָקטער אינ קאבינעט ארײַנ און אים דערציילט, אז דער כוילע 36 רעדט שוינ. ער הייסט ליפע. מיט א צונעמעניש טראָגט ער זיכ ארום—בורמילע. קיינ עלטערנ קער ער ניט האָבנ און ער צעפרעגט זיכ שטארק אפ זײַנ בינטל האָרע.

דער דאָקטער האָט טייקעפ אװעקגעשיקט אינ קלאדאָװקע נאָכ דער קאָרע און ער איז אװעק מיט דעם צו ליפענ אינ פאלאטע.

ליפע האָט פונ אָנפאנג קרומלעכ, װי מיט אומצוטרוי, א קוק געטאָנ אינעם דאָקטערס זײַט, אָבער אינ א װײַלע ארום האָט די פרייד בא אים באזיגט אלץ דאָס איבעריקע. ער האָט א כאפ געטאָנ פונ דאָקטערס האנט דאָס פעקעלע און עס גענומענ צעװיקלענ. פאמעלעכ האָבנ זיכ ארום דעם טשודנעװאטנ כוילע און ארום דעם דאָקטער אופגעקליבנ אלע באדינער און אופזעער פונעם שפיטאָל, װי אויכ אייניקע קראנקע און מענ האָט זיכ זאט ניט געקענט אָנקוקנ אפ דער צעמאָלטער װײַסער קאָרע, װו איינ בילד איז געװענ פרעכטיקער פונ דער צווייטער.

פאר קיינעם איז קיינ כידעש ניט געװענ, אז דאָס יאטל איז ענג מיט דעם צונויפגעפונדנ, אָבער דאָכ איז נאָכ פאר קיינעם ניט געװענ קלאָר, אז ער אליינ—אָט דאָס װילד טשודנעװאטע יאטל—זאָל אליינ זײַנ דער שעפער פונ דעם אלעמענ, אז ער אליינ זאָל עס האָבנ באלעבט אָט די געװיינלעכע פלאכעס, אָט די געװיינלעכע שטיקער קאָרע, װאָס זײַנענ געװענ באזעצט מיט בוימער, מיט פויגלענ, מיט רעגנס, מיט בלומענ, און מיט גאנצע שטיקער באשײַנטנ הימל. אָט װו און װענ ס'האָט זיכ אופגעעפנט פאר ליפענ א טיר אָדער א טירעלע צו דעם אָ לעבנ, צו װעלכנ ער האָט זיכ אזוי אקשאָנעסדיק געריסנ.

## 5. פאר א סאכ מענטשנ...

פאר אסאכ מענטשנ בא אונדז אינ לאנד איז אטליבסטנ באקאנט איינער א נאָמענ—לעאָפאָלד מאָסייעװיטש יערעמייעװ.

דער מענטש װאָס טראָגט דעמדאָזיקנ נאָמענ איז זייער בארימט מיט זײַנע בילדער; װאָס זייערע איבערגעדרוקטע קאָפיעס באפוצנ די װענט פונ פיל הײַזער און קלובנ, סײַ אינ די שטעט, סײַ אינ די דערפער.

אסאכ מענטשנ װידער, קענענ פערזענלעכ אָט די אָ גראָע, פארקײַלעכדיקטע באָרד און אָט די אָ גוטע צוויי אויגנ, װאָס דרינגענ ארײַנ צו יעדנ איינעם טיף אינ הארצנ און קומענ ארויס צוריק נאָכ רײַכער און באפֿארבטער װי געװענ.

אסאכ מענטשנ װייסנ װיפל שילער און נאָכפאָלגער לעאָפאָלד מאָיסייעװיטש האָט באװיזנ צו שאפנ (און װענג פארערער איז שוינ אָפגערעדט)... אָבער זייער װינציק מענטשנ װייסנ און שטעלנ זיכ עס פאָר, אז דער אָ ליבער, באַארבעטער

קינסטלער—יערעמייעוו לעאָפּאָלד מאָיסייעוויטש איז אמאָל געווענ א קליינ, קליינ פאַרטראַכט יינגעלע... אז ער איז געוואָקסנ אינ א דאָרפ אינ א פאַרגרעב-טער פאַמיליע אונ זיכ דאָרטנ אָנגענומענ פונ איר מערער מיט צאָרעס ווי מיט באַכעס... אז אפ דער פראַגע —וויאַזוי רופט מענ דיכ, יינגעלע—פלעגט ער זייער באַשיידנ ענטפערנ:

— ליפּע...

אונ אפ דער פראַגע... וויאַזוי נאָכ? פלעגט ער מיט דער זעלבער באַשיידנ-קייט ענטפערנ:

— בור—מי—לע...

זומער 1933, קיעוו.

# גוטיע און מוציע

גוטיע און מוציע זײַנען געוואָקסן אין א גאנץ אָרעמער שטוב, זייער טאטע האָט געארבעט אין א האָרף און פלעגט זייער קנאפ פארדינען. אָבער דאָס איז נאָך געווען א האלבע צאָרע. די עמעסע צאָרע איז געווען די צווייטע מוטער זייערע, א קארגער מענטש און זייער א שלעכטע, די שכייניס האָבן איר דאפקע נית איינמאָל געזאָגט:

— געדענקט גוטל, פאר דער ראטנמאכט איז געוואָרן אויס מאָדע שלאָגן קינדער, ביפראט נאָך, אז איר דארפט פאר זיי זײַן בעסער פון אן אייגענער מוטער!

אָבער א שלעכטן, א ביטערן מענטשן איז נית אזוי גרינג איבערצומאכן. האָט זי געציילט די קינדער דעם ביסן אין מויל, און טאָמער א האָר און דער זײַט,פלעגט זי זיי נאָך הארגענען—שלאָגן.

מוציע איז שוין פאלד אלט געווען צען יאָר, גוטיע איז געווען א סאך קלענער—עפשער זעקס יאָר איז איר געווען. און קיין שול און אין קיין קינדער-גאָרטן האָט זיי די גוטל נית געוואָלט אָפגעבן, טאָמער וועלן די קינדער פאר-מאסערן פאר די לערערס.

פון שטוב האָט זי זיי אויך גאנצע טעג נית ארויסגעלאָזן—לײַט זאָלן נית זען דעם וויסטן אויסזען זייערן. האָט זי זיי געהאלטן אין שטוב פארשלאָסן גאנצע טעג. דער פאָטער איז א גאנצע וואָך אין האָרף; זי—לויפט ארום צווישן די שכייניס. פלעגן זיך ביידע קינדער נודיען גאנצע טעג און שטוב בלײַבן אין

פאַרפינצטערטע, אויסזיצנ גאַנצע שאָענ אַרום פענצטער און אַרויסקוקנ אינ הויף טאָמער א היטדל איז אמאָל דורכגעלאָפנ, אָדער דער שאָכנ האָט אמאָל דאָס פערדל איינגעשפאַנט. אָפט פלעגט מוציע ליב האָבנ דערציילנ גוטיענ, אַז לעניג, ווענ ער וויל, קענ ער אַראָפּקומענ אונ פונ דער שטוב זייערער מאַכנ ניט קיינ שטוב, נאָר א פּאַלאַץ.

— בא לענינען איז וואַרעם אינ שטוב?—פרעגט גוטיע.

— נאַרעשער מענטש וואָס דו ביסט!—רופט זיך מוציק אָפ צו זיינ שוועס-טער ווי א גרויסער.—דו ווייסט ווער לענינ איז? ער האָט דאָך פאַרטריבנ אלע בורזשויענ אונ אלע עספּלאָקאַטאָרנ! ווייסטו שוינ, וואָס דאָס איז פאַר א לענינ?

— איך ווייס, ענטפערט אים גוטיע שטיל אונ אָפּהענטיק — כאָבּ[1] בא ליוסענ דעם גראַנאַטס[2]) געזענ צוויי יעניטעס[3]) איינעם נאָך א גרויסנ אונ איינעם א קיאייניקונ[4]).

— וואָס האָסטו געזענ?—באַרימט זיך שוינ מוציע,—בילדער האָסטו געזענ! אָבער דער עמעסער לעניג זיצט אינ קרעמעל[5]) אונ פונ דער גאַנצער וועלט פאָרט מענ צו אים, ער זאָל דאַרטנ אויך פאַרטרייבנ די בורזשויענ.

— אונ זי?

די שטיפמוטער זייערע האָט בא זיי ניט געהאַט קיינ נאָמענ, זיי האָבנ זי זייער פיינט געהאַט אונ זי קעסיידער גערופנ „זי".

איצטער וויל, ווייזט אויס, גוטיע פרעגנ, פאַרוואָס קומט ניט לענינ אונ טרייבט „זי" ניט דורך.

—זי?—פאַרקלערט זיך מוציק—ס'איז טאַקע איר גליק, וואָס זי איז ניט קיינ בורזשויקע.

— אָבער זי איז דאָך א שי—עכטע!

— א שלעכטע איז זי זייער, טאָ וואָס-זשע מיינסטו טאַקע? ווענ מיר גייענ אוועק צו לענינען אונ דערציילנ אים, וואָלט זי שוינ טאַקע גוט געוווסט!

———

די צייט איז געגאַנגענ, אונ די קינדער האָבנ געהאַט אַזוי ווינציק פרייד, אַזוי ווינציק. אונ צאָרעס דאָפּקע אסאַך. פרייד וואָס ווינציקער אונ צאָרעס וואָס מער.

איינמאָל ווינטער, איז בא זיי אָפנ פאַרפרוירנ פענצטערל, וואָס לעבנ הויז-טיר, געלעגנ אָפ א שטאָל א שטיקל פאַרשימלטע קעז. פלוצים האָט עס ניט געשטייעט. אָדער די קאַץ האָט עס אופגעגעסנ, אָדער די גוסל אליינ האָט עס צווישנ טאָג אונ נאַכט אַריינגעשטעלט אונ פאַרגעסנ פונ דעם. קומט זי צוגיינ

1) איך האָב.
2) גראַנאַטס.
3) לענינס.
4) א קליינינקן.
5) קרעמל.

איינמאָל, וואַרטעס-צײַט, זי האָט נאָר דאָס שלעסל אַרויפֿגעלייגט אויף פּאָליצע, נאָך אַפֿילו דעם בורנעם פֿון זיך ניט אַראָפּגענומען און זי טוט זיך אַ כאַפּ צום שאַל: אַ צאָרע איר, אַ קלאָג, ניטאָ דאָס שטיקל קעז. משפּעט זי זיך צו צו די קינדער, אַז זיי האָבן בײַ איר אויפֿגעגעסן די קעז. זיך משפּען איז אָבער ווייניק, זי קומט אַרײַן אין קאַם און נעמט זיי האַרגענען, שלאָגן, מאַמעש טרעטן מיט די פֿיס, ערשט דאַן, ווען בײַ מוציען איז שוין געוואָרן אַ גרויסער בייל אויפֿן שטערן און בײַ גוטיען — אַן אויג אונטערגעשלאָגן, האָט זי זיך דאָס האַרץ אָפּגעקילט. זי האָט אַרויסגענומען פֿון אויוון עפּעס אַ קליין טעפּעלע (זיך האָט זי געקאָכט קאַשידער עפּעס געשמאַקע געקעכטסן אין קליינע טעפּעלעך) עס אויפֿגעגעסן אויף אַ זײַט, פֿאַרשמעלט פֿון די קינדער דערנאָך האָט זי פֿאַרשלאָסן די קינדער אין שטוב. אויפֿן באַנק האָט זי געגעבן אַ רוק אָפּ פֿון זייערטוועגן אַן אַלט-געבאַקן שטיקל ברויט און איז ווידער אַוועק ערגעץ באַרײדן די וועלט.

אין שטוב איז קיל, די קינדער טוליען זיך איינס צום צווייטן פֿאַרוויינטע, מ'כליפּעט זיך אָפּ צו ביסלעך און מ'שווײַגט לאַנג.

פּלוצים הייבט זיך גוטיע אויף פֿונעם קאַלטן דיל און צעוויינט זיך פֿונסנײַ.

— איך וויל צו לענינען.

מוציע האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער ווייסט ניט אַהין דעם וועג, פֿאַרקערט, ער איז געוואָרן זייער אויפֿגעלעבט, וואָס דאָס שוועסטערל וויל צו לענינען. ער האָט שוין פֿון לאַנג געקלערט, אַז ס'וואָלט ניט שאַטן זיך אַרויסגאַנווענען און אַוועקלויפֿן גלײַך צו אים. אַז לענינען וועט איר אָנזאָגן זי זאָל זיך ניט משפּען, וועט זי אַפֿילו מעגן מאַכן פֿון דער הויט אָבער משפּען וועט זי זיך ניט. און אַז לענינען וועט איר אָנזאָגן זי זאָל זיי באַשטעלן אין אַ שול, וועט זי באַשטעלן. פֿאַר לענינען האָבן מורא געהאַט ניט נאָר אַזעלכע מענטשן ווי זי.

נו, וואָס זשע קען שוין דאָ זײַן אַ אָפּהאַלט.

— קום — זאָגט ער, — איך האָב שוין לאַנג געקלערט פֿון דעם.

זיי האָבן אויסגעזוכט אַלטע שמאַטעס און אָנגעוויקלט אויף די פֿיס, דערנאָך האָבן זיי אָנגעטאָן וואָס זיי האָבן געהאַט, מוציע האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל בעלצל, און בײַ גוטיען איז אַ כאַרפּע צו דערציילן: גוטיע האָט מער ניט געהאַט ווי צוויי אַרבל פֿון צוויי פֿאַרשיידענע קליידער, פֿלעגט זי אין דעם קאַשידער זײַן. איצט האָט זי נאָך פֿאַר אַ צוגאָב אָנגעטאָן דעם פֿאָטערס אַ גראָבן קאָמזויל און אַ שאַלעכל, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון נוסלס בעט צופֿוסנס. אויב „זי", די נוסל, וועט זיך כאַפּן וועט זי פֿאַרן שאַלעכל נאָר טויטן.

די שטוב איז טאַקע געווען פֿאַרשלאָסן, נאָר אין דער ליידיקער קאַמער בײַ זיי איז געווען אויסגעזעגט אַ פֿירעקיק לעכל פֿאַר אַ פֿענצטערל. אַקוראַט אַ קינד האָט דורך דאָרטן געקאָנט דורכקריכן, האָבן זיי אָפּגעשטעקט דאָס לעדל און צוגעשטעלט די באַקדייזשע. מוציק איז אַרויסגעקראָכן דער ערשטער, דער-

נאָכן האָט ער ווי עס איז אַרויסגעשלעפּט אויך גוטיען מיט ביידע באַזונדערע אַרבל און מיטן טאַטנס גראָבן קאַמזויל. דורך די געריסענער האָבן זיי זיך דורכ־געגאַנוועט צום אונטער־שטאָט אויפן שי' אַך, וווּ אַלע שליטנס פֿאָרן.

ס'איז זיי קאַלט, כוקען זיי אין די הענט.

— באַ יעניקען אין שטוב איז וואַרעם? — פֿרעגט ווײַטער גוטיע אַ דערפֿרוי־רענע.

— וואָס פֿרעגסטו וואָס? — זאָגט צו איר מוטיע. — אַלע מענטשן האָבן זיך צו אים אויפֿגעקליבן און אים געוואָלט אויסבויען אַ שטוב פֿון גאָלד און פֿון זילבער...

— נו?

— ער האָט אָבער ניט געוואָלט. „אויף וואָס דאַרף איך? — זאָגט ער, — איר ווילט מיך מאַכן פֿאַר אַ בורזשוי? איך קען באַשטיין, זאָגט ער, זיצן אין אַ פּראָסטער שטוב גלײַך מיט אַלעמען“... און קיין פֿערד האָט ער בײַ זיי ניט געוואָלט נעמען, און קיין בעהיימעס, ער זאָגט: „איך וועל אַרבעטן, וועל איך האָבן פֿונוואַנען צו לעבן. „אי כטאָ ניע ראַבאָטאַיעט, טאָט ניע קושאַיעט“.

גוטיע הערט שוין אַפֿילע ניט, וואָס ער דערציילט, וואָרום ס'איז איר קאַלט, דאָס געזל איז בלוי, דאָס פּאָנעם איז אויפֿגעלאָפֿן און איז ערגעץ נאָסלעך, דוכט זיך טאַקע לעבן דער נאָז.

זיי גייען און גייען.

— נאָך לאַנג? — פֿרעגט גוטיע. און די צונג איז בײַ איר צוגעפֿרוירן.

אויף דערויף ווייס ניט מוטיע, וואָס צו ענטפֿערן איר און ער מאַכט אַ שווײַג.

אַז ס'פֿאָרן דורך פֿורמאַנעס, מיינען זיי, אַז די קינדער גייען ערגעץ אין אַ נאָ־ענטן דאָרף און זיי מאַכן זיך פֿון זיי ניט וויסנדיק. דערווײַל פֿאָרן אָן אַנטקעגן צוויי לערערס. דערזען אַזעלכע קינדער, האָבן זיי זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז עפּעס ניט גלאַט, און געבעטן דעם פֿורמאַן ער זאָל זיך אָפּשטעלן. זיי טוען אַ קוק ווי די קינדער זײַנען צעפֿרוירן, די פּענעמער רויט, די הענטלעך רויט; זיי דרייִשען און האַלטן זיך קוים אײַן זיי זאָלן זיך ניט פֿאַנאַנדערוויינען. נעמען די לערערס זיי אַרײַן אין שליטן אַרײַן, קומען זיי ביידן אײַן אין אַ בורקע.

— וווּהין האָט איר זיך עס אויסגעקליבן? — פֿרעגן די לערערס. מוטע מוציק אַפּריער אַ קוק אויף גוטיען, דערנאָך אויף די לערערס, ביז גוטיע ווייס ניט פֿון קיין איבעריקע כאָכמעס און זי רופֿט זיך אָפּ די ערשטע.

— מיר גייען צו יעניקען.

די לערערס קוקן זיך איבער ביידע פֿאַרכידעשטע, זיי קומען נאָרוואָס פֿון כאָסקוזע. איצט פֿאָרן זיי פֿון דער באַן, זיי זײַנען געשיקט געוואָרן פֿון זייער שטאָט אויף לעניקס לעווײַע. די וואָך איז טאַקע לעניק געשטאָרבן. נאָר מוטיע האָט נאָך, יוויזט אויס, ניט געוווּסט פֿון דעם.

— נאָך וואָס דאַרפֿט איר צו לעניקען?

דערציילן זיי אים.

— און ווו איז לעניו ווייסט איר?
— אין קרעמליע, — ענטפערט מוטיק.
— און ווו איז דער קרעמל?
— אין מאָסקווע.
— און ווי ווײַט איז קײַן מאָסקווע ווייסטו?
— ניין.

— וואָס טוט מען מיט זיי איצטער? — פרעגט דער לערער, וואָס מיט די ברילן דעם צווייטן, וואָס מיט דער באַראַשקענער ווײַסער היטל.

און דער צווייטער ענטפערט:

— אוי, ווי לעניו האָט געהייסן.

מוטיע האָט א קוק געטאָן אויף גוטיען און זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן פול מיט פרייד און זיג. אים איז גאָר געווען א וואונדער וויאזוי האָט זיך לעניו דערוווּסט אזוי גיך, אז זיי פאָרן ביידע צו אים.

געקומען צוריק אין זייער שטאָט האָבן די לערערס זיי פאַרפירט אין קינדער-הויז, ווו זיי זײַנען טאַקע געווען אָנפירערס. לערערס זײַנען זיי געווען קלוגע און פאַרשטאַנדיקע, און דאָס קינדער-הויז געווען זייער גוט אויסגעשטאַט, ליכטיק, וואַרעם, שיין. די קינדער זײַנען דאָרטן געווען זאַטע, ציכטיקע און האָבן זיך גוט געלערנט. פאַר דער גזלנע האָבן די קינדער ניט געציטערט מער.

מוטיק האָט איינמאָל פאַר וואַרעמס אײַנגערוימט גוטיען אויפן אויער:

— ווײַבאַלד לעניו, טאָ זאָל שוין קיך ניט אַרן.

און אין א וואָך אַרום, אָדער וויפל, מוטיק אפילו געדענקט אויך ניט אַקוראַט וויפל צײַט ס'האָט אָפּגענומען, רופט מען אַרײַן ביידע קינדער אין לערער-צימער. זיי טוען א קוק — די קוויט מיט דער גראָבער נאָז און דינע ליפן איז דאָ.

מוטיק האָט זיך אויך גוט אָפּגעריסן אין האַרצן, נאָר ער האָט נאָך גע-מאַכט, ווי עס איז, אַן אָנשטעל, אָבער די קליינע האָט זיך געגעבן א וואָרף צו די לערערס, זיך אײַנגעקלאַמערט אין אײנעמס קלייד מיט די קליינע פינ-גערלעך אזוי, ווי מיט ציינדלעך מיט שאַרפע. וויינען וויינט זי ניט, נאָר זי ציטערט מיט אלע גלידער אזוי ווי עס וואָלט זי געוואָרפן אין קדחת.

די לערערס האָבן זי קוים באַרויקט, און איר, אָט דער גזלטע, האָבן זיי געזאָגט. און זי זאָל כאָטש עפענען א מויל. שא-א-א-א-א. זי האָט זיך נאָר צעפינטלט מיט אירע אויסגעקראָכענע וויעס, א קוק און א פינטל, און די שאָל האָט זיך שוין בא איר אַראָפּגערוקט אזוי, אז די עקן טוליען זיך צו דער ערד. אָבער זי האָט מורא זיך א ביין טאָן, זי שווײַגט, זי שטייט ווי צוגעקלאַפּט מיט משוועקעס און טוט זיך קיין ריר ניט.

און די קינדער זײַנען טאַקע געבליבן אין הויז, דאָרטן האָבן זיי זיך אײַנגעבן צעבליט ניט ערגער פון די איבעריקע קינדער. מוטיע האָט זיך נאָר געדאַרפט אביסל צולערנען, וואָרעם, פאַר דער ערשטער גרופע איז ער געווען צו גרויס אין

אין דער דריטער גרופע, איז וואָס קען ער, ם'זאָל אים צונעמען אין דער דרי־
טער גרופע?

אז לעניג איז טויט, האָט ער שוין דאָפּקע געוווּסט גלייך מיט אלע קינדער, נאָר בעיצאס ער האָט „אָנגעזאָגט" די לערער, וואָס זיי זאָלן טאָן מיט אים און מיט גוטיען, האָט ער דאָך נאָך געקערט לעבן. דעריבער האָט מוציק איינמאָל אָפּגעשטעלט דעם לערער אין די בדילן און אים געפרעגט א זאך, וואָס האָט אים אינטערעסירט די גאנצע צייט:

— וואָס האָט לעניג געהייסן טאָן מיט איר? מיט גוסלען?

דער לערער האָט א קלער געטאָן און זיך באלד אָנגעשטויסן וואָס מוציק מיינט. פֿיינט האָבן האָט ער פֿיינט געהאט די גוסל נאָך ערגער ווי די קינדער האָבן זי פֿיינט געהאט, רופט ער זיך אָפּ:

— אעזלכע מענטשן, ווי זי, האָט לעניג געהייסן מ'זאָל רופן און זיי געבן צו פארשטיין זיי זאָלן מער ניט זיין קיין טיראנעס, זיי זאָלן מער ניט זיין קיין פערד.

## מײַן לעבן, מײַן פֿרײַערדיקע וועלט ס'איז

— ניטאָ שוין אזוי גיך קיינעם אין שטוב?

— ניין, ניטאָ.

— ווּ איז די מאַמע?

— אין גאָרטן.

— ווּ איז דער טאַטע?

— אױף דער אַרבעט.

— און דו טוסט זיך שױן אָן?

— יאָ. איך טו זיך שױן אָן.

די שכנינע, װאָס האָט דאָס אַלץ געפֿרעגט איז אַװעק צום גאָרטן זוכן די מאַמע, און װאַסיוטקע, װאָס האָט דאָס אַלץ געענטפֿערט האָט זיך אַ צי געטאָן פֿונעם געשמאַקן שלאָף און איז געגאַנגען זיך אָנטאָן.

איאָ, אַז מען שטײט אױף פֿון שלאָף טוט מען זיך אָן?

פֿאַרשטײט זיך!

נאָר זײַן אָנטאָן איז אָבער איצט באַשטאַנען בלױז פֿון אײן זאַך: אַ פּאָר בלױע קורצע הױזעלעך מיט רױטן אַרומגעזױמט און מיט אַ רעזינקעלע פֿאַרצױגן—אַ פּאָר טרוסיקלעך.

װאַסיוטקע האָט געגעבן מיט זײַן גאַנצן באָרװעס אַ טאַנץ איבער דעם רײנעם גלאַטן ברעטערדיקן דיל.

ער האָט צעעפֿנט דאָס פֿענצטערל אינעם קלײנעם גערטל אַרײַן. די װײַנשלבײמער האָבן אַ שאָקל געטאָן אַהער מיט זײער באַצײַנטער בלױזנג. אַזעלכע יונגע אַלע און אַזעלכע יאָנטעװדיקע, שיר װאָס זײ רײדן ניט אױס צו װאַסיוטקען:

— גוט מאָרגן, יאַטל.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר,—צעשמײכלט זיך װאַסיוטקע. ער קען זיך ניט אָפּרײַסן פֿון גערטל. װיאַזױ די גראָז איז דאָרטן יונג און גרין אַזױ, װי אַ פֿריש אײַנגעקעמט קעפּעלע בײַ אַ קלײן יונג קינדעלע. יעדעס גרעזעלע שטײט באַזונדער. װאַסיוטקע קען זיך פֿונאַנדער ניט אָפּרײַסן. אָבער ס'װאַרטן אױף אים נאָך אָן אַ שיר אָנגענעמענע קלײניקײטן: ערשטנס: כאַפּן דעם עמער און אַ לאָף טאָן צום ברונעם. שױן באַלד אַ האַלב צײַט, אַז ער װאַשט זיך ניט אין שטוב, נאָר אין הױף לעם ברונעם. דאָרטן איז זײער אַסאַך זון אינדערפֿרי און ס'איז אַ פֿאַרגעניגן שעפּן פֿונעם עמער גאַנצע קװאַרטע װאַסער און זיך װאַשן װיפֿל ס'גײט אין דיר אַרײַן.

ס'נאָך דאַפֿקע פֿרי. נאָר די זון ושמורעט זיך שױן פֿון אומעטום און װאַסיוטקע ושמורעט זיך אױך. טאָ זאָל עס טאַקע זײַן די ערשטע אַרבעט?

נו, גוט.

דערנאָך װאַרט אױף אים אַ גלאָז פֿרישע רױע מילעך און אַ װאַרעם קאָרנפּלעצעלע, אײַנגעװיקלט אין אַ האַנטעך.

נאָכן װאַשן גלוסט זיך טאַקע עסן.

דערנאָך װאָלט מען דאַרפֿן אַ קוק טאָן צו די טױבן און די קראָליקעס. שפּעטער װעלן קומען בערל גוטמאַן און קאָליע קאַמענקער װעט מען גײן צום בראָד אַלע אינדרײַען כאַפּן פֿיש. אײערנעכטן האָבן זײ אָנגעכאַפּט עפּשער יעדערער צו האַלבע פֿונט פֿיש. דערנאָך ליגט לעם בעט צעעפֿנט און ניט דערלײענט „די שװימענדיקע שטאָט". זײער אַ שײן ביכל „די שװימענדיקע שטאָט". ס'ניט פֿון קײן שטאָט דערצײלט זיך דאָרטן, נאָר פֿון אַ גרופּע שיפֿן, װאָס

דינען אַלס אָפּרו-הויז. א שווימעדיקער אָפּרו-הויז. דאָרט איז דאָ א קלוב, א ביבליאָטעק, א טעאַטער, א ראַדיאָ, און טישן מיט בענק, און בעטלעך, און א פּאַרק, און א שול אַף שווימען, אַרבעטער נוצן דאָרטן אויס זייער אורלויב. זיי רוען אָפּ, זיי פֿאַרברענגען, זיי נעמען זיך אָן מיט געזונט. קען זײַן, אַז דער טאַטע וואַסיוטקעס זאָל קריגן א פּלאַץ אין אַזאַ אָפּרו-הויז פֿאַר זיי אַלע דרײַען.

די מאַמע איז קעגן.

די מאַמע זאָגט: „אַז מירן אַלע דרײַ אַוועקפֿאָרן, וואָס וועט ווערן פֿון די גערטנער"?

ס'גאָרניט. מען וועט זי אײַנרייִדן. ווי מומע וואַליע וועט זײַן אינדערהיים דעם כוידעש צײַט. אויב מען וועט עס נאָר דאַרפֿן.

וואַסיוטקע איז אַרויסגעלאָפֿן אין הויף אַרײַן. ניט ווײַט פֿון הויף האָט זיך געצויגן א גריבע לעוואַדע.

דאָס גראָז האָט גערופֿן צו זיך. גענאַרט.

— קום אַהער, יאַטל, דאָ איז גוט צו זיצן, דאָ איז גוט צו ליגן, דאָ איז גוט צו לייענען, דאָ איז גוט צו טראַכטן.

וואַסיוטקע האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן. ער האָט איבערגעטאַנצט איבערן פּלויט און גלײַך אַהין. ער האָט זיך צעטאַנצט ווי א יונג לאָשעקל. ער איז אָפּגע-לאָפֿן וואָסערע צוויי הונדערט שפּאַן איבער דער גרינער ראַכוועס און זיך אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער לענג איבערן הויכן אָנגעוואַרעמטן גראָז. די זון באַקט נאָך ניט, זי וואַרעמט און גלעט, דאָס מעכטיגעדיק ווינטעלע עטעמט און גלעט. א זשוקעלע האָט פֿאַרפֿויזעט צו וואַסיוטקען אַף דער רעכטער האַנט און זיך צוגעשטעלט, קלערט צי ס'קען קריכן ווײַטער, צי ניט...

וואַסיוטקע איז געווען גוט אָפּן האַרצן. פֿון אַלצדאָסדינג מיטאַמאָל אין נאָך פֿון איין זאַך.

ס'איז ערשט פֿינעף טעג, אַז מען האָט זיי צעלאָזן פֿון שול און אַלע גאַנצפֿרי שטייט ער אויף אַדאַנק יענער אָ זאַך מיט זייער א גוטן געפֿיל.

וואָס זשע איז עס פֿאַר א זאַך?

...ער איז איבערגעגאַנגען אין דער פֿערטער גרופּע:

...נו, איז וואָס? זײַנען דאָך קימאַט אַלע קינדער, וואָס האָבן געלערנט פֿאָריקן ווינטער אין דער דריטער, איבערגעגאַנגען איצטער אין דער פֿערטער?!

...ניין, יאָ. אָבער וואַסיוטקע איז איבערגעגאַנגען מיט נאָלע גוט:

א — — — האַ—אַ-אַ?! מיט נאָלע ג ו—ו ט! איז דען נאָר איין וואַסיוטקע?

...ניין. ניט נאָר ער איינער... אָבער מיט אים איז געווען א מײַסע:

...אַנו, וואָס?

...מיט אים איז געווען אַזוי. ער האָט געלערנט דעם ערשטן טרימעסטער... (געלערנט? עט! ער פֿלעגט אַמאָל א כאַפּ טאָן א קוק אין א ביכל, א שרײַב אין א העפֿט און א זיקאָרן האָט ער א נוטן, איז אויסגעקומען, אַז ער קען... אָבער די לערערס נאָרט מען דאָך ניט אָפּ, וואָרום ס'נאָר א ו י ס ג ע ק ו מ ע ן, אַ'

ער קען. האָט מען אים געשטעלט „באַפרידיקט". און אַף אַנדערע געגנשטאַנדן „קוים באַפרידיקט".

אַז דער טאַטע האָט איבערגעקוקט אינדערהיים וואַסיוטקעס אַקאַדעמ-קאַרטל, האָט ער לאַנג געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביסטו דאָך טאַקע אַ לעדאַשטשער...—האָט ער ענדלעך געזאָגט צו וואַסיוטקען—האָבן אַזאַ קאָפּ ווי דו האָסט, פֿאַרמאָגן אַזאַ שול ווי מיר פֿאַרמאָגן און ערשט גיין אַף „באַפרידיקט"???—מ—מ—נו—או—און?!...

וואַסיוטקע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאָטיליצע, אַ סוואָרע איז עס, אַז ער האָט אָפּגעגעבן דעם טאַטן געערכט. און אַפֿן צווייטן טרימעסטער האָט ער זיך אַביסל אונטערגעצויגן.

וואָס הייסט אַביסל?

ער. האָט צו איין מאָל דורכגעקוקט אַלץ, וואָס מען האָט אים פֿאַרגעבן אין שול, אָבער טאָן פֿלעגט ער עס איבער דאַנק, שטייענדיק אַזן גייענדיק און נים ערנסט.

ער וועט שוין זען וואָס וועט מען אים שטעלן נאָכן צווייטן טרימעסטער.

... נו, וואָס? גוט? נע—ע?!! באַפרידיקט???— — —

עט. ס'נאָך נים דאָס, וואָס מען דאַרף: ס'זיינען האַפּקע דאָ אַ פּאָר „גוטן" אויך, נאָר גראָדע ניט האָרטן ווו ער וואָלט עס פֿאַרלאַנגט.—פּאָליטעכניזאַציע—גוט. אופֿירונג גוט.

— נו, און דאָס איבעריקע?

— בא...

— וואָס בא?...

— „באַפרידיקט"...

— נו, באַפרידיקט דיך דער „באַפרידיקט"?

— ניין.

— טאָ וואָס זשע וועט זיין?

— איך ווייס אַלייִן אויך נים...

און דעם עמעס געזאָגט האָט וואַסיוטקע טאַקע פֿון אָנפֿאַנג נים געוווּסט מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך פֿאַרענדיקן. ער האָט געקלערט אַ מאָל טאָן אַפֿ דעם אַלעמען מיט דער האַנט און געגוג:—

קיין שלעכטס קינד איז ער דאָך ניט? מיט „באַפרידיקט" פֿירט מען איבער אין דער פֿערטער? גענוג!

אַזוי האָט ער פֿון אָנפֿאַנג געקלערט, אָבער איטוויניק האָט אים געטאָטשעט עפּעס אַנדערש:

ערשטנס אינטערעסירן זיך אַלע, ער זאָל לערנען גוט.

דער צ.ק. אינטערעסירט זיך—געוויס!

דער פֿאָלקאָמבילד אינטערעסירט זיך.

די געזעלשאַפֿטלעכקייט—אויך.

און די שול—אויך,

און טאטע מאמע—אוואדע!

האָט איר, זיכ איינס.

צווייטנס, ווענ ס'ענדיקנ נאָכ דריי קינדער אָפּ גוט געווינט זייער גרופּע דאָס געוועט. נאָכ דריי קינדער. אונ ווענ מענ וויל קענ מענ די דריי קינדער זייער גרינג געפינענ... אז די לערערנ זאָל געווענ אפילע ניט אָנווייזנ ווער די דריי קינדער זיינענ, האָבנ די שילער אַלע אינ קלאס מיווי געוווסט. אז דאָס זיינענ וואסיוטקע מוקאָמאָל, בערל גוטמאנ אונ אונער וואלדקינד. נאָכ אָט די דריי קינדער זאָלנ איבערגיינ אָפּ גוט, געווינט זייער גרופּע דאָס געוועט. טאָ וואָס זשע איז ענדלעכ דער אָפּהאַלט???

אונ דעם ערשטנ טאָג פונעם דריטנ טרימעסטער האָט וואסיוטקע אָנגענומענ א פּעסטנ באשלוס. אָבער ביז גאָר א פּעסטנ. ס'איז אים אפילע אביסל געווענ ניט „לאָווקע" פאר זיכ אליינ אונ פאר די שטוביקע, אָבער א באשלוס איז א באשלוס.

אלע באטאָג פונ דריי ביז פינפ איז ער געזעסנ באַם טיש מיט די ביכער, מיט די העפטנ, מיט אנ אָפענעם טינטער, מיט א שרייבנדיקער פען אונ ער האָט עפּעס געטאָנ.

די מאמע רופט פונ קיכ:

— וואסיוטקע, גיי נעם צו אביסל שאָלעכצ פאר דיינע קראָליקעס.

אונ וואסיוטקע ענטפערט:

— לייג צונויפ אונטערנ טאָפּטשאנ. איכ בינ איצטער פארנומענ.

די מאמע זאָגט:

— וואסיוטקע, דו האָסט, דוכט זיכ, געוואָלט טיי! דער טשייניק איז אופגעזאָטנ.

וואסיוטקע ענטפערט:

— זאָל זיינ שפּעטער. איכ בינ איצטער פארנומענ.

די מוטער פארביסט פריילעכ א ליפ אונ טוט א וואונק צו זיכ אליינ—איינער מיינט:—מיטנ יינגל טוט זיכ עפּעס... ס'וועט שוינ פונ אים דאָפקע זיינ א טאָלק!..

אונ וואסיוטקע ארבעט אונ פילט א טאם אינ דער ארבעט...

אינ א קורצער צייט ארום מעלדעט וואסיוטקע:

— מאמע, פונ שול וועל איכ היינט קומענ ניט איינס. נאָר דריי.

— וואָס איז?

— מירנ היינט מאכנ באַ בערלענ די ליםודים.

— ווער איז דער מיר?

— איכ, ער אונ וואלדקינד.

— וואָלט איר עפּשער בעסער געלערנט דאָ?

— קומענדיקע וואָכ וועלנ מיר לערנענ דאָ.

אונ וואסיוטקענ איז דאָס לערנענ געקומענ צום טאם. איינס האָט געהאָלפנ

אַרײַנצוזען דאָס אַנדערע. און דער רעזולטאַט איז געווען אַ דערוואַרטער און זייער אַ דערפֿרייענדיקער.

ג ו ט, ז י י ע ר ג ו ט א ו נ א ו י ס ג ע צ י י כ נ ט!

די גרופּע האָט געוווּנען דעם געוועט. און פֿאַרוואָס איז עס בײַ וואַסיוטקען געווען אַזוי אָנגעלייגט? דערפֿאַר, וואָס ער האָט געזען, אַז דאָס איז די פֿרוכט פֿון זײַן אייגענער מי. און ס'גאָר ניט געווען אַזוי שווער, ווי מען האָט געקענט מיינען, און ס'גאָר ניט געווען אַזוי ווײַט, ווי ס'האָט זיך געקענט אויסדוכטן.

שוין פֿינף טעג, אַז וואַסיוטקע איז פֿרײַ פֿון שול.

ער קווועלט אָן פֿון דער פֿרײַ, פֿונעם יונגן זומער, פֿון די בליִענדיקע שיינע טעג. אַזעלכע גרויסע און שפּאַרעוודיקע, וואָס קלעקן פֿאַר אַלץ: שאָען אַף שפּילן זיך אַליין, שאָען אַף אומלויפֿן מיט כאַווייריִם, אַף לייענען, אַף באָדן זיך, אַף זייען, אַף פֿלאַנצן. און אומעטום פֿילט ער אַלס אַ נוטן צושפּיל די ווערטער אַפֿן אַקאַדעם-קאַחטל:

גוט,

ז י י ע ר ג ו ט,

א ו י ס ג ע צ י י כ נ ט!

אַך, אַ מין גוטע, אַ מין פֿריילעכע וועלט ס'איז איצט!!!

# ווער עס קאָנל דער קעבעלעך

יאקוב אָדער יאשקע. ווער האָט אים ניט געקענט אין בוראנגע און אינעם גאנצן בוראנגייער קרייז. געננג געווען אויסריידן אין יענער אומגעגנט דעם נאָמען יאקוב אָדער יאשקע, ווי יעדערער פון דער באפעלקערונג האָט זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט א יאט, וואָס איז דאפקע ניט אזוי הויך אין וווקס און קיין גראָבער איז ער אוואדע ניט, און דאָך וועגט ער מער פון צען, פון צוואנציק, פון הונדערט אנדערע יאקובעס, אָדער אנדערע יאשקעס. ווי גערעדט איז ער גאָרניט געווען קיין הויכער און גאָרניט קיין גראָבער (ער איז, אגעוו, נאָך איצ טער אויך דאָ. ערגעץ אין ארטיאָמאָווסק, זאָגט מען, פארנעמט ער זייער א וויכטיקן פאָסטן), אָבער א מין קרעפטיקער האָט איז געווען א מין געננעלע האָט דער דאָזיקער באָבער פארמאָגט. ער פילט מאמעש די ערד ניט אונטער זיך. די אויגן קוקן ווייט. אין היטל שטעקט בא אים א רויט באנטיקל, וואָס גיט אים עפעס צו ווי נאָבאמאָל אזויפיל גוורע. און געווער האָט ער געהאט אפ זיך, וויפל א מיליטער-מענטש דארף האָבן: א ביקס, א רעוואָלווער און א שווערד. ניט מער—דאָס ביקסל איז בא אים געווען א קורצינקס און א לייכטס. ס'האָט ארויסגעקוקט איבער זיין אקסל, וואָס אינעם לעדערנעם רעקל, אזוי שפילעוודיק און ביינעוודיק, מאמעש ווי א פידעלע. אויף דער

שיידל און דאָס הענטל פונעם שווערד זיינענ געווענ אויסגעפוצט מיט לײַ-
בעלעכ און הירשעלעכ און אלערליי. פונ דיִנעם זילבער אונ פונ פערלמוטער אויס-
געקלאפט און מיט רויטע באנטיקלעכ באהאנגענ און די שפּאָרנ, אז ער גייט
דורכ, קלינגענ זיי עפּעס אזוי שיינ. הײַנט דאָס פערדעלע?
דאָס פערדעלע זיינס איז אויכ געווענ אינ שטאָט פארעכנט ניט ווי
אלע פערד. אז דאָס אָ פערדעלע איז געגאנגענ אונטער יאקובנ, האָט עס געהאט
גאָר אנ אנדער מינ כיינ מיט א באזונדער מינ שטאָלצ. אלע אינ שטאָט האָבנ
ליב געהאט יאקובנ מיטנ אָטריאד מיט זיינעם—דאָס כײַעס: אויסער די באלע-
גופים די באנדיטנ און דעם גאלעכ. זיי האָבנ אים אויכ גוט ליב געהאט. אוי,
האָבנ זיי אים ליב געהאט! שוינ איינמאָל. יענע זיינענ אינ אים אזוי געווענ
פארליבט, אז ווענ זיי זענ זיינ בלוט, וואָלטנ זיי זיכ דאָס הארצ ניט געקילט.
און ער, יאקוב, א שרעק, ווי ער האָט פיינט געהאט די פריצים מיט די בא-
לעגופים. וויפל ער האָט זיכ נאָר געקענט אינ זיי נוקעם זיינ, האָט ער זיכ
נויקעם געווענ.

זיינ ארבעט איז אינ יענער צײַט געווענ—אויסכאפּנ די באנדיטנ.

וואָס זיינענ עס געווענ פאר א באנדיטנ?

די באלעגופים האָבנ, ווי באוווסט, שטארק פיינט די ראטנ-מאכט.
פלעגנ זיי קריגנ הינטנ ארום געווער און פלעגנ ארויסשיקנ זייערע זינד-
לעכ און איידעמס אינ די וועלדער ארײַנ. און בא יעדער געלעגנהייט, וואָס
ס'האָט זיכ זיי געמאכט, פלעגנ זיי זיכ סטארענ אָנטאָנ שאָדנ דער רויטער
ארמיי. דער בירגערקריג איז דענסטמאָל געווענ אינ פולנ ברענ אינ די קולאקי-
שע קינדער—די באנדיטנ—פלעגנ אויסקוקנ אַפ די ווייסע. ווי זיי פלעגנ נאָר
דערפילנ ערגעצ נאָענט דעם אָנקום פונ די ווייסע, אזוי פלעגנ זיי אָנהייבנ
אָנפאלנ אַפ די נאָענטסטע שטעטלעכ און דאָרטנ אָנטאָנ כורבוינעס: קוילענענ
מענטשנ, אונטערצינדנ די הײַזער, די קאָאָפּעראטיווו און פיניקנ קאָמוניסטנ
די ווייסע האָבנ אונטערגעשטיצט די באנדיטנ, זיי פלעגנ דערנאָכ באוואָ-
רענענ די באנדיטנ אַפ א צײַט מיט עסנ, מיט געווער און מיט
קליידונג. דערפאר אָבער, ווענ די רויטע טיילנ פלעגנ זיכ צוריק פארשטארקנ
און די ווייסע פלעגנ צעגעריקטע און צעשלאָגענע אנטלויפנ, ווי דער שווארצער
פעפער וואקסט, פלעגנ דאנ די אָרטיקע באנדיעס זיכ צוריק פאנאנדערפוויזנ
איבער די וועלדער און איבער די יארנ, און באנאכט פלעגט זיינ א מוירע דורכ-
צופאָרנ אונ דורכצוגיינ פונ איינ דאָרף אינ צווייטנ, פונ איינ שטעטל אינעם
צווייטנ.

קודיי צו קעמפנ מיט אָט די באנדעס פלעגנ די באָלשעוויקעס ארויסשיקנ
ספעציעלע אָטריאדנ. אינ איינעם אזא אָטריאד האָט געארבעט יאקוב. ער איז
געווענ א קאמאנדיר פונ א וווזואָד, אָבער ארבעטנ פלעגט ער, אז די ערד האָט
אונטער אים געברענט.

אלע אינדערפרי פלעגט ער אַוועקפאָרנ ארויספאָרנ מיט זיינ וווזואָד אינ די

סעגאַלאָוויטש יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע ארכיוו

נאָענטע וועלדער אַרײַנ אַפֿ כאַפּנ די באַנדיטנ אונ צו פֿאַרטראַכטנ צו פֿלעגט ער קומענ אַמאָל מיט דרײַ, אַמאָל מיט פֿינעף צי לעבעדיקע, צי טויטע, נאָר ברענ-גענ האָט ער זײ געמוזט.

די באַנדיטנ האָבנ אַפֿ אים אויכ געשאַרפֿט א צאָנ. זײ פֿלעגנ אים טשאַטע-ווענ היטנ. באַנאַכט פֿלעגנ זײ זיכ א דרײַ-פֿיר כעווּרע אַרײַנגאַנװעטע דורכ די הינטערוועגלעכ אינ שטאָט אַרײַנ אונ פֿלעגנ וועלנ אויסשמעקנ, ווו ער שלאָפֿט. זײ זאָלנ קענענ אַהינ אַרײַנוואַרפֿנ א באָמבע, אָדער גלאַט אונטערצינדנ אים. אָבער יאַקוב האָט זײ געלאָקערט אינ די פֿינצטערע נעכט נאָכ בעסער, ווי זײ אים. די אײגנ האָבנ זיכ באַ אים געלויכטנ ווי באַ א קאַצ, אונ ווי באַ א׳הונט האָט באַ אים די נאָז געשמעקט. ער פֿלעגט אַמאָל גאַנצע וואָכנ דורכאַנאַנד ניט שלאָפֿנ, מיט קײנ אויג ניט צוגעפֿירט. ער פֿאַרברענגט קלוימערשט אַפֿ הוליאַנקעס, ער גײט אַרומ איבער די גאַסנ, כאַפּט פֿרישע לופֿט, נאָר דער קאָפּ אַרבעט באַ אים אינ אײנ ריכטונג. דערפֿאַר אָבער, אז ער פֿלעגט שוינ אַמאָל יאָ אָפּרוענ באַ זיכ א מעסלעס אַפֿ שלאָפֿנ, פֿלעגט ער פֿאַרקריכנ אינ אַבי וועלכנ גוט-באַוואָרנטנ שײַער אַרײַנ אונ זיכ דאָרטנ אָוועקוואַלגערנ. קײנער האָט אים ניט געזענ, ווי ער איז אַהינ אַרײַנ אונ קײנער פֿלעגט ניט זענ, וויאַזוי ער פֿלעגט פֿונ דאָרטנ אַרויס.

א מעסלעס, צוויי פֿלעגט ער אַזוי אָפּשלאָפֿנ אונ ווידער זײַנ פֿרײַ פֿונ וועלנ שלאָפֿנ—צוויי אָדער דרײַ וואָכנ דורכאַנאַנד.

אָט דאָס אָ פֿאַרפֿאַלנ ווערנ זײַנס, אַז אַפֿילע זײַנע כאַווײרים האָבנ ניט געוווּסט, ווו ער געפֿינט זיכ, האָט אינ זיכ געהאַט א גרויסע מײַלע אונ אײנעמ זײַער א גרויסנ כיסאָרנ. נאָר וועגנ דעמ שפּעטער.

---

אלעמאָל, ווענ די באָלשעוויקעס האָבנ אינ אַ ענגערע שאָ געמוזט אָפּטרעטנ פֿונ שטעטל, פֿלעגט יאַקוב מיט זײַנ אָטריאַד אָפּטרעטנ דער לעצטער, אונ אַז מע האָט געדאַרפֿט אָנקומענ צוריק, זײַנענ זײ אָנגעקומענ די ערשטע. אַז מע פֿלעגט דערהערנ יאַקובס פֿערדל א הירזשע טאָג צוריק איבער די גאַסנ, פֿלעגנ זיכ אָנהויבנ אָפּעפֿענענ די לאָדנ אונ אָפּריגלענ די טירנ. די פֿרײדלעכע באַ-פֿעלקערונג פֿלעגט צוריק נעמענ אַרויסקריכנ פֿונ די לעכער מיט די בוידעמער. ס׳פֿלעגט מיטאַמאָל ווערנ פֿרײלעכ. ס׳פֿלעגט פֿונ אים ווערנ ליכטיקער אַפֿ דער אומגעגנט.

ניט אומזיסט האָט מענ דעמ יאַט ליב געהאַט. דעריקער פֿלעגנ אים ליב האָבנ אומעטומ די קינדער. אינ די פֿרײַע שאָענ פֿלעגט ער זיכ אַמאָל אַראָפּכאַפּנ אַפֿנ הויף פֿונ שול אונ אויב ס׳נאָר געווענ אַנ איבעררײַס, פֿלעגנ אים די קינדער באַ-פֿאַלנ, אים אַרומשטעלנ. מע האָט זיכ געשלאָגנ פֿאַר די ערטער. יעדערער האָט געוואָלט שטײנ אָדער זיצנ נעענטער לעמ יאַקובנ. אונ יאַקוב פֿלעגט זיכ אַנידער-זעצנ אַפֿנ סטאָס נײַע אַרומגעשײלטע רעטענגלעכ אונ פֿאַרברענגענ מיט זײ. ער פֿלעגט מיט זײ אַזוי געמיטלעכ פֿאַרברענגענ, אַזוי ווי ס׳נאָר ניט געווענ קײנ

אונטערשייד צווישן זיי מיט אים ניט אין קיין יאָרן און ניט אין קיין שום אַנדער זאַך. און דערציילן פֿון זײַן אייגן לעבן און פֿון זײַנע באַוויזן האָט ער געהאַט גענוג. פֿלעגן טאַקע די קינדער פֿון אים זיך ניט קענען אָפּרײַסן. אַפֿילו די קליינוואַרג, וואָס האָבן נאָך זייער ווייניק פֿאַרשטאַנען, פֿלעגן אויך פֿון אים ניט אָפּרײַסן דעם בליק.

—יאַשקע,—פֿלעגן זיי צו אים פֿאַרן אַוועקגיין שרײַען,—זאָלסט צו אונדז קומען נאָכאַמאָל!

— יאַשקעלע! ווען וועסטו קומען צו אונדז נאָכאַמאָל?

— זײַ באַ אונדז אַ לערער, יאַקושקע.

— דו ווילסט באַ אונדז זײַן אַ לערער?

— אויף ספּאָרט?

— אויף סיסן.

— אויף מיליטאַריזאַציע.

א. א. ה. א. א. וו.

---

אין דער וואָוטשער סלאָבאָדע איז געווען אַ שטאַרקער נעסט פֿון „בייז-לעבן"[1]: דאָרטן זײַנען דאָ געדיכטע וועלדער און טיפֿע בלאָטעס אַרום: די „בייז לעבן" זײַנען אַלע האַרטיקע געבוירענע, ווייסן זיי דעם אָרט אויסגעבוידנ און אַז ס'קומט אָן אַן אָטריאַד פֿון ערגעץ, פֿאַרנאַרן אים די „בייזלעבן" אין אַ זומפּ אַרײַן, און די פֿערד ווערן דאָרט פֿאַרזונקען מיט די רײַטערס אינאיינעם.

אויף דעם אָ ווינקל האָט יאַקוב געשאַרפֿט אַ צאָן. „זײַן נאָמען וועט ניט זײַן יאַקוב—האָט ער זיך געקלאַפּט מיטן פֿויסט אין האַרצן,—אויב ער וועט ניט אויסניישען פֿון דאָרטן די ווילדסטע „וועלף"!

איינמאָל האָט זיך יאַקוב טאַקע אַוועקגעלאָזן אַהין מיט זײַן אָטריאַד. ער האָט זיך אַליין איבערגעטאָן אין זײַנע בעזורע, ער האָט זיך וואָ-סערלעי אַכט טעג אָפּגעמוטשעט אין די פּראָוועס און איז אויסגעריסן געוואָרן מיט זײַן אָטריאַד אינאיינעם, אָבער אויסגעטאָן האָט ער זייער ווייניק, דאָס איינ-ציקע וואָס ער האָט יאָ באַוויזן אויפֿצוטאָן, איז זיך פֿאַרבינדן מיט איינציקע מענ-טשן—האַרטיקע אײַנוווינער, זיי זאָלן אין דער נייטיקער שעה אים קומען צוהילף. ווײַטער האָט ער אַביסל אויסגעלערנט מיט זײַן אוילעם די האָרטיקע ערטער מיט די זומפּן און האָט שוין געוווסט איינציקע הײַזער באַלעגופֿישע, וואָס באַהאַלטן אויס באַ זיך די „בייזן". ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטעטל אַרײַן אויף זיך אָנעסען מיט קויכעס און קענען געבן דער באַנדע דעם אַנטשיידענעם קלאַפּ.

געקומען אין שטעטל מיד און אויסגעבראָכט, האָט ער זיך נאָך אָפּגעראַפּאָר-טירט אין שטאַב. דערנאָך האָט ער באַוואָרנט זײַן פֿערדל אויף גוטע הענט און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אין אַ שטיער, ווי זײַן מאָדע איז געווען, אויף כאַפּן דעם עמעצן דרימל, וואָרעם ער האָט שוין אַכט ניט געשלאָפֿן.

---

[1]) באַנדיטן. דער ערשטער אָט פֿונעם וואָרט איז „בייז". פֿלעג מען זיי רופֿן אין אַסאַך ערטער די בייזלעך.

א צײַט איז עס געווען זייער ניט קײַן באַשטענדיקע. אין שטאַב איז פּלוצים אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מע דאַרפֿ זיך עוואַקוירן. אופֿ וויפֿל צײַט איז ניט באַוווסט. דער אוילעם האָט זיך אופֿגעהויבן. מע האָט פֿאַרפּאַקט די אַנשטאַלטן. מע האָט פֿאַרנומען אַלץ דאָס נייטיקע, מע איז שוין גרייט צום אָפּפֿאָרן, אָבער ווו איז יאַקוב? ניטאָ יאַקוב...

אָט ווו כ'געלעגן דער בעסאַרט פֿון זײַן פֿאַרפֿאַלן ווערן אין אַזאַ פֿאַראַנט-וואָרטלעכער אומבאַשטענדיקער צײַט.

קיינער ווייס ניט, ווו יאַקוב איז, אַפֿילע די נאָענטסטע זײַנע ווייסן ניט, ווו אים צו זוכן.

קײַן פּולע ניט, מע האָט געמוזט רירן פֿון אָרט אָן אים. נאָר דאָס פֿערדל פֿאַרנומען זײַנעם מיט די זאַכן מיט זײַנע און נאָר.

אופֿ מאָרגן איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ווײַסע זײַנען אין קאַנט. און דאָ אין שטעטל איז קיינשום מאַכט ניטאָ. די קולאַקעס און די שוואַרצמייעניקעס האָבן פֿאַרהויבן די קעפּ. מע האָט גענומען קלײַבן רעדלעך אין מיטן פּלאַץ. דער נאָלעך—רעדט, די קורקולטשיקלעך ריידן.

— שוין. געלויבט איז זײַן „הייליקער“ נאָמען, וואָס מע איז פּאָטער געוואָרן פֿון די „אָטרייטע“ קאָמוניסטן.

— מע דאַרפֿ קלײַבן אַ מאַכט,—זאָגן זיי,—ווי געשיקט זיך עס עפּעס אַ שטאָט זאָל זײַן אָן אַן עלטסטן.

— הוען מע דערלעבט שוין ניכער זען אַ פּאָר גאָלדענע פּאָגאָנעס אין שטעטל?

ס'זוי גיט געפֿעלן געוואָרן די באַלעגופֿים, וואָס די מײַסטע איז עפּעס צוגעגאַנגען צו שטיל. אָן פֿײַער, אָן רויך און אָן בלוט-פֿאַרגיסונגען...

יאַקוב, אַז ער האָט זיך גוט אויסגעשלאָפֿן אין שײַער, איז ער אַרויסגע-פּרונגען, ווי זײַן שטייגער איז, אופֿ דער גאַס אַרויס. ער טוט אַ שמעק די לופֿט.

— ס'איז עפּעס ניט דאָס.

ער טוט אַ שטעל די האַנט צום שטערן, טוט אַ קוק אופֿן שטעטל.

— ס'איז עפּעס ניט האָס.

ער לאָזט זיך גיין צום שטאַב—ניטאָ די רויטע פֿאָן אופֿן דעכל:

וואָס הייסט דאָס?—יאַקוב האָט גענומען רײַבן די אויגן און זיך באַטראַכטן, ווו איז ער אין דער וועלט? ער שלאָפֿט, צי ער איז וואַכעדיק.

ער האָט זיך אַזוי אומגעקערט אַ כאַפּ געטאָן צו דער שיידל פֿון רעוואָלווער און אָנגעשטרענגט דעם בליק, ווי אַ גוט פֿערדל, וואָס צעכראַפּעט זיך מיט די נאָזלעכער, ווען ס'דערשמעקט אַ געפֿאַר.

די באַלעגופֿים אין די רעדלעך, אַז זיי האָבן דערזען יאַקובן, האָבן זיי זיך די ערשטע רגע אויך דערשראָקן. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, פֿונוואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען. צי דען זשע זײַנען שוין די „פֿאַרשאָלטענע“ צוריק אין שטאָט. ס'איז עפּעס נאָך צו פֿרי...

— א שפיאָן!—האָט איינער אַ מורמל געטאָן.

— יאָ, זיי האָבן אים צוגעשיקט אהער פאַר אַן אויסקוקער, פאַר אַ שפּיאָן.—האָט דער צווייטער באַשטעטיקט.

די הורקוויעס זײַנען געוואָרן מוטיקער באַ זיך. זיי קוקן צו יאַשקען. יאַשקע קוקט אהער. ער וואָלט וועלן אָפּטרעטן, איז אים עפּעס אַזוי נישט צו דער האַנט. ער איז צו דעם די לעצטע צײַט נישט געוווינט געוואָרן.

— וואָס־זשע שווײַגט איר?—האָט איינער פון דער כאַפּטע אויסגערופן.—איר וואַרט עפּשער אַף קאָוועד?

— נעמט אים!

— שלאָגט אים!

— די קישקעס פון בויך אים אַרויסלאָזן!

— די נעשאָמע פון אים!

יאַשקע האָט שוין גוט געזען, אַז ער שלאָפט נישט, אַז די שפּיל איז פאַרביַזול. פונדעסטוועגן האָט עס אים אַלץ אויסגעזען, ווי אַ ווילסטער כאַלעם.

— קאַנאַליעס.—האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און אַרויסגענומען פון אונטער דער פאָלע דעם נאַהאַן.

פאַרן שמאָלן פּיסקל פון אָט דעם אָ קליין שפּיַערל, האָבן זיך אַזוי אַ ריק געטאָן אַף צוריק, וואָסערע אָנדערהאַלבן מייעס בלוטדורשטיקע צורעס פון פאַרשיידענעם עלטער און סטאַט.

יאַשקע האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן. נישט זיי האָט ער דורכגעטריבן, נישט אַליין קען ער נעמען פון דאַנען דעם וועג.

— קאַנאַליא, ראַזאָידים!—האָט ער פּלוצים אויסגערופן, און דאָס קאָל האָט אים ביים מיַיסע געגעבן אַ מאָדנעם נישט קיין אָנגענעמען ציטער.

אָט דעם אָ ציטער אין יאַשקעס קאָל האָבן די באַלעגאָפים דערפילט און דאָס האָט זיי אָנגעגאָסן מיט שיקרעס אַסאַך מער, ווי ווען זיי וואָלטן אין זיך אויסמער אַרײַנגעגאָסן צענדליקער עמער בראָנפן.

— בראַטצי:—האָט דער עלטערער באַלעגאָפּ אויסגעשריען—פאַר יעמענ: שטעלט איר עס זיך אָפּ, פאַר אַזאַ מין לויז אַ באָלשעוויסטישער. נעמט אים!

— שלאָגן!!!—האָבן זיך דערהערט קוילעס.

— די נעשאָמע פון אים!!!

— די געדערים פון בויך אים אַרויסלאָזן...

יאַשקע האָט דאַפקע עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן, נאָר אויך אינעם רעוואָלווערס קנאַקלדיקער שטים האָט זיך דערהערט אָט דער פריקרער פאַרעטערישער ציטער. יאַשקע האָט זיך פאַרלאָרן. יאַשקע האָט זיך דערפילט עלנט אָן די באַווײַדים. ער האָט זיך נאָר דערפילט אַזוי שולדיק פאַר זײַן פערדל, וואָס ער האָט עס נישט לעם זיך איצט באַ אַזאַ מין ענגער שאָ.

הײַנט, ראָצבישע פויסטן אין די צענדליקער און אין די הונדערטער האָבן

שוין געליינט מערהערישע טשוסאקעס אין יאשקען, וווּ ווי האָבן נאָר געטראָפן. אַף יאשקען איז שוין ניט געווען קיין געווער... אַף יאשקען זיינען שוין ניט געווען קיין רויטע סטענגעלעך. רויטע גרויסע לוזשקעס בלוט, אָזערעס גאַנצע. אונטער די אויגן פון צווישן די ציין, פונעם האַלדז און אַקן, פון דער נאָז. אַט ווו ס׳האָט בא איִם געפלאַקערט מיט רויטס, טשענטשן-ביינער האָבן געשלאָגן געטריי און מיט האַרץ, אָבער יאשקע האָט געשוויגן. בעסער געזאָגט — יאשקע האָט אַפילו ניט געפילט קיין ווייטיק. א שטאַרקערע זאַך האָט איצט באַגעקומען זיינע ווייטיקן. פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען שטאַרקער פון אַלערליי ווייטיקן אין דער וועלט, וואָס זיינען שטאַרקער אַפילו פונעם טויט אַליין. יאשקע איז געווען פאַרשעמט, פאַרסאַמט מיט גרויסער שאַנדע. אַט וואָס מען האָט איִם אָנגע-נאָסן דערשלאָגנקייט אין זיין גאַנצן וועזן. —

און די עלטערע באַלעגופים האָבן געזאָגט:

— בראַטצי! שלאָגט מיט סייכל, מירן נאָך איִם מישפּעטן פאַר דער גאַנצער שטאָט אין די אויגן. מירן נאָך איִם אָנטאָן א שטראָף, וואָס זאָל זיין א לערע פאַר נאָך פאַרבלאָנדזשעטע קינדער פונעם כריסטיאַנישן פאָלק; זאָלן כריסטיא-נעס וויסן, אז כאָטש ווי פאַר ושידעס און פאַר קאָמוניסטן איז באַלשעוויזם פאַר קיינעם קיין געדאַנק ניט.

די אָרעמע באַפעלקערונג האָט אין אזא שאָ אַפילו מיט קיין איין וואָרט זיך ניט געקענט איינשטעלן פאַר יאקובן. און הייער רעדט שוין פון טאָט. אז די קירקולן זיינען אזוי צעוויינט און מען רינט פון ווי געקאָמענדיקע רע-ציכע מיט פרומקייט געמיישט.

אז יענע זיינען אָנגעגאַנגען מיטן געבונדענעם און צעהאַרגעטן יאקובן פאַרביי דער קירכע, האָבן זיי געהייסן אַרויסטראָגן די קלויסטער-פאָנען און מען האָט געהאַלטן רעדעס. בייסמביסן האָט יעדערער, וועמ׳ס האָט געהאַט א האַנט, געהאַלטן פאַר א כויוו און פאַר א מיצווע זי אַרויפלייגן אַף יאקובן. מען האָט נאָך ניט אויפגעהערט שלאָגן, ווער אין פּאָנעם, ווער אין האַלדז און אַקן, ווער אין בויך, ווער אין די ריפּן און ווער אונטערן האַרצן.

די פּראָצעסיע מיט די קלויסטער-פאָנען און מיטן צעשטראָקטן יאקובן איז דערמיט איז אַוועק צום אַרויס פון שטאָט, יאָרט ווו דער צווינטער איז.

דאָרטן האָבן זיך אַף אַן איבערגעוואַלגערטער קלאָץ בשיוועסדיק אויסגע-זעצט די עלצטע דריי באַלעגופים. דעם דיאַקאָן האָבן זיי אָנגעהערעצט לעבן אַן אַלטער איבערגעבויגענער מאַצייווע, ער זאָל שרייבן, וואָס דער געריכט וועט הייסן.

דאָ פירט זיך דער געריכט אין איינעם קענגיבעדיק עק שטעטל, דאָרטן ווו די שול שטייט, האָבן זיך צונויפגעקליבן די קינדער פון די עלטערע גרופּעס אין זיי האָבן זיך געעוסעט אינדערגיך אַן אייצע האַלטן, וויאַזוי ראַטעווען מען יאקובן. איינער איז געפאַלן אַף א געדאַנק, וואָס מען ווייסט ניט צי ס׳וועט אָפּ-גילטן, צי ניין. אָבער קיין בעסערע אייצעס זיינען דערווייל אין דער א עבער רע-

גענומען געווען: ס'איז געבליבן, אז די שילערס און די שילערנס נעמען רויטע שאַל-
בענדס און טיכער, זיי בינדן זיי אָן אויף הויכע שטעקנס. מע וועט זיך אויסזעצן
מיט דעם, וואָס דאָס שטעטל שטייט אין א טאָל, און פֿון איין עק שטעטל קען
מען זען, וואָס ס'טוט זיך אינעם צווייטן עק. פֿון יעדער זייט שול אַפֿן וויהאָנ
פּאַשען זיך אַסאַך פֿערד, וועלן די בעוורע פֿאַנאַנדערפֿענטערן די פֿערד. זיי וועלן
זיך אויסזעצן רײַטנדיק אויף די פֿערד אין רייען און וועלן נעמען זינגען אין-
היילעכן מיט באָלשעוויסטישע לידער. און וואָס נאָך? מע וועט נאָך דאַרפֿן,
אז היינט דאָס וועט פֿאַרטיק ווערן, זאָלן נאָך א פּאָר בעוורע באַווײַזן פֿאַרלויפֿן
צום צווינטער. אז מע וועט אָנזאָגן, וועט עס זײַן שטאַרקער. און אויב ס'איז
נאָך ניט צו שפּעט, וועט עפּשער עפּעס וואָס פֿון דעם אַרויסקומען.

אַפֿן צווינטער. די „קעפּ“ האָבן אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל מע זאָל אַרויס-
גראָבן פֿון יעדער זײַט פּלויט א גרוב און אַרײַנשטעלן אהין דעם בריסטיאַנ-
יאַקובן, וואָס איז דורכן באָלשעוויזם אזוי פֿאַרפֿירט געוואָרן, אז ער איז צו-
זאַמען מיט זשידעס און קאָמוניסטן געגאַנגען קעגן גאָט און קעגן דער וועלט
זאָל מען אים איצט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן אַרײַנשטעלן אין גרוב אַרײַן,
און נאָכדעם, ווי ער וועט זיך מיסוואָדע זײַן פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט, זאָל מען
אים פֿאַרשיטן לעבעדיקערהייט, וועט עס אים זײַן א קאַפּאָרע אויף זײַנע זינד. זיי
האָבן זייער געוואָלט, אז יאַקוב זאָל נאָך אַליין גראָבן די גרוב, אָבער יאַקוב
האָט ניט געהערט, וואָס מע טוט זיך אַרום אים. אָט האָט וועשט ביסל זינען,
וואָס האָט נאָך בײַ אים געבליבן ערגעץ, איז געווען אינגאַנצן צעפֿרעסן פֿון
באַרפֿע און פֿון שולדיקייט, וואָס ער האָט זיך געפֿילט אַנקעגן די באַוויירים
און אַנקעגן דער מאַכט פֿון די אַרבעטער און פּויערים. מיטן וועשט ביסל זי-
נען האָט ער געפֿילט, אז ער האָט נאָך געדאַרפֿט אָפּגעבן א היפּשע ביסל קויבעט
פֿאַרן קאַמף. און דאָ איז ער דורך אזא מין אייגענער נאַבלעסיקייט אַרײַנגע-
פֿאַלן צו זיי, צו אַזעלכע קאַנאַליעס אין די הענט אַרײַן. אויב ס'וועט אים
נאָך סטײַען קויעך, וועט ער באַטש אין דער לעצטער מינוט אַרויסשרײַען, וואָס
ס'טוט זיך בײַ אים אין האַרצן. עפּשער געפֿינט זיך דאָ נאָענט א געטרײַער
אויער, וועט זײַן לעצט ביסל בלוט אָנקומען צו די, פֿאַר וועמען ער האָט דאָס
גאַנצע לעבן געקעמפֿט.

שטייען דאָ די קולאַקעס אַפֿן צווינטער געדיכט אָנגעשטעלט מיט זייערע
ווײַבער און קינדער, מיט זייער גאַלעך און מיט זייערע עסטער. א האַלב
געגנדיק מאַן טוען די הייליקע אַרבעט פֿון גראָבן פּאַרט לעבעדיקן באָלשעוויק
ווען א גרוב. דער גאַלעך מיט די דרײַ ריכטער פּרעמפּלען עפּעס לעם די יומא-
טעם און לעם דעם גאַנצן אוילעם. פּלוצים קומען צולויפֿן קינדער, די קליי-
נער אין דיים און אין קוים אויסגעקאַטשעט, ווי זיי וואָלטן געלאָפֿן פֿון ווײַ-
טן ווין, און קוים, וואָס זיי שרײַען אויס דאָס וואָרט:

— מע גייט!—פֿאלנ זיי אומ מיט אויסגעבאלאָפּעטע ציינער פֿאר פֿאר-מאטערטקייט...

דער אוילעמ הייבט . אופֿ פֿונ די ערטער, ערשט מע הערט א גע-זאנג.

זיי דרייענ אויס די קעפּ— — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, אפֿ יענער זייט שטאָט, לעמ די גליניטשעס, פֿאָרט א מאכנע איינע אונ די צווייטע. הויבנ פֿאָנענ האלט מענ אינ די הענט אונ מע הילכט, אונ זינגט:

סמיעלאָ מי וו באָי פּאָידיאָמ
זא וולאסטט סאָוועטאָוו

יאָ,אָט דאָס אָ געזאנגל זיצט זיי, „די קולאקעס, גוט אינ הארצנ. דאָס געזונג איז זיי אלעמענ אנטפֿאלנ געוואָרנ נאָר פֿונעמ איינעמ ניגנ אליינ. מע האָט איבערגעריסנ די געהויבענע צערעמאָניע אינ דער סאמע הייסער מינוט. מע האָט איבערגעלאָזנ דעמ צעבלוטיקטנ יאקובנ אָנ דעמ קלוינסטנ אכט צו אימ. אונ מע איז זיך צעקראָכנ, ווי די רודע מייז פֿריער פֿאמעלעכ אונ דערנאָכ גיכער אונ גיכער. אונ נאָכ אזוי, אז מע האָט איינעמ אפֿנ צווייטנ זיך געשעמט אפֿילע די אויגנ אופֿצוהויבנ.

אונ דאָרטנ, אינ יענעמ עק שטאָט זינגט מענ אונ מע פֿאָרט, מע פֿאָרט אונ מע זינגט... די פֿאָנענ פֿאָכענ איבערדערלופֿטנ..:

אונ אינ א שעה ארומ איז פֿונ די וויכטיקע באלעגופֿימ שוינ קיינער אינ שטאָט ניט געווענ אפֿ קיינ רעפֿוע. מע האָט אָפּגעטראָגנ די ביינער ווער וואוהינ מע האָט געקענט.

די קינדער האָבנ אָפּגעבונדנ יאקובנ, מע האָט אימ געבראכט וואסער אונ עסנ אימ געקריגנ אונ צו פֿארנאכט-צו האָט ער זיך מיט די לעצטע קויכעס אוועקגעלאָזט זוכנ, וויאזוי, דורכ וו זיך דורכרייסנ צו די רויטע.

---

ס'איז אוועק א טאָג אונ צוויי. ניטאָ ווייטער אינ שטעטל ניט קיינ רויטע אונ ניט קיינ ווייסע. מע הערט נאָר פֿאר צוואנציקער ווערסטנ, ווי הארמאטנ שנײַדנ, מע זעצט, ווי פֿונ א פֿאס ארויס—בוה—ה—ה... בו—ה—ה—ה...

בוה—ה—ה—ה... בוה—ה—ה—ה!!!

דערנאָכ האָט מענ דערציילט, ווי מיטנ ראקאָוויטשנער וואלד אנטלויפֿנ די ווייסע, נאָר אנטלויפֿנ אזוי, אז עס איז א גדויל צו קוקנ:—צעבראָכנ, צעשטאָכנ, צעמאזיקט, צעבײַלט. מע פֿארלירט אפֿנ וועג מענטשנ, מע פֿארלירט פֿורנ, מע פֿארלירט געווער, מע פֿארלירט גוטס. אָבער זיי דערזעענ זיך ניט אומקוקנ אפֿ צוריק—מע לויפֿט.

אונ אינ פֿינעפֿ טעג ארומ זיינענ ארײַנגעפֿאָרנ צוריק אינ שטעטל ארײַנ מאכנע די רויטע אפֿ אנ עמעס: זיי האָבנ געזונגענ „סמעלאָ מי וו באָי—פּאָדיאָמ“

אז די גאס האָט זיך צעליִגט. דאָס שטעטל האָט צעעפֿנט צוריק טיר און פֿענ-צטער. און מע איז אויס די באַפֿרײַער אנטקעגנ. און יאקוב ארומגעפֿלאָדנ מיט אָנ א שיר פֿריילעכע ווײַסע מארליִעס איז שוינ ווידער געזעסנ אפֿ זײַנ פֿערדל אינ שפּיצ פֿונ זײַנ וואַוואָד. דאָס פֿערדל האָט פֿריילעך א הירזשע געטאָנ און יאקוב האָט געקוואָלנ. א מויל מיט ווײַסע ציינ האָבנ בא אים אימפּעטיק גע-קוועלט דער ליכטיקער וועלט אנטקעגנ.

יאַרעס...

„לאַכנ לאַכט דער,—זאָגט דאָס וועלט-ווערטל,—ווער סע לאַכט דער לעצטער“.

# אָט דאָס הייסט

# „ליב גענומען אין די הענט"

1

פֿון וועמען זאָגט איר איז איצט געקומען צו רייד?

פֿון זשאַרזשיקן אווארעו?!

יאָ, דאַפֿקע פֿון זשאַרזשיקן.

און מאַמער מיינט איר, אז זשאַרזשיק איז עפּשער ניט קיין קלוג יינגעלע, האָט איר א גרויסן טאָעס. א קלוגער יאַט, א דורכגעטריבענער מיט באַקע צוויי שעלמישע אויגן און א שטיפֿער אייגעער אין דער וועלט. נאָר איינס זאַך:— ל ע ר נ ע ן — נ י ט.

ער וויל ניט,
ער ווייסט ניט,
ער הערט ניט,
ער דאַרף ניט.

אין שול גייט ער אין דער 45-טער, גרופּע 2-ב. ווי דען האָט איר געוואָלט. ער זאָל נאָך אין שול אריין ניט גיין? בא אונדז אין סאָוועטנלאַנד גייט ניט

א קינד אינ שול נאָר ווענ ס'איז קראַנק. אונ אזוי לערנענ זיכ קינדער אלײנ אָנ אויסנאַם ווו נאָר א דאָרפ אונ ווו נאָר א שטאָט: גײט טאַקע זשאָרזשיק אינ שול נומער 45, ווי איכ האָב אײַכ נאָר וואָס געזאָגט, גרופּע—2—ב'.

פֿונ דער פּאַרענדזשע איבער די טרעפּ פֿאָרט ער אראָפּ, ווי א כוואַט. איבערנ פּאַרקעט גליטשט ער זיכ, אז ס'פֿליענ פֿונקענ. נאָר, אז ס'קומט אימ אויס ארויס-רופֿנ צומ טאָוול, ווײס ער קײנ האַלבנ וואָרט ניט. זײַנ גליק נאָכ, וואָס ער מאַכט טײקעפּ א בײנדעלע, איז ווי די לערערנ זאָל ניט זײַנ אינכּאַס, מוז זי זיכ צעלאַכנ אונ די קינדער אינ קלאַס, אַפֿ איר קוקנדיק, צעלאַכנ זיכ אויכ אלע. וואָס ווילט איר, ס'שוינ אײנמאָל א זשאָרזשיק!..

אָבער א געלעכטער אהער, א געלעכטער אהינ. ניט אלעמאָל קענ מענ אָפּקו-מענ מיט א געלעכטער. די לערערקע, כאַווערטע מאַניע, זאָגט צו זשאָרזשיקנ: זשאָרזשיק, דו דאַרפסט זיכ נעמענ אינ די הענט. אײנאונדרײַסיק קינדער, זאָגט זי, פֿונ דער גרופּע לערנענ זיכ שלאָגלעריש אונ זײ וועלנ טאַקע איבערגײנ צומ סאָפּ יאָר אינ דער דריטער גרופּע. אײנ ייִנגעלע האָבנ מיר נאָר—דעמ 32-טנ זשאָרזשיק פֿײַנבײַנ,— וואָס אויב ער וועט זיכ באַצײַטנס ניט נעמענ אינ די הענט, וועט ער בלײַבנ זיצנ דאָס צווײטע יאָר אינ אײנ גרופּע אונ...

— גוט,— זאָגט זשאָרזשיק אונ לאָזט ניט דעררײדנ,—איכ נעמ זיכ אָטאָ שוינ אינ די הענט. אונ ער הײבט אופֿ בײדע הענט זײַנע ארומ קאָפּ, דערנאָכ ארומ די זײַטנ.

— אײַ,—זאָגט ער,—ס'טאַקע שווער זיכ אלײנ נעמענ אינ די הענט, ס'איז עפּעס ניט באַקוועמ...

די קינדער שיסנ אויס א געלעכטער, וואָס זשאָרזשיקנ איז ניט באַקוועמ זיכ אלײנ אײַנעמענ אנ די הענט. עמעצנ אנדערש ארײַנעמענ אינ די הענט וואָלט אימ זײַנ באַקוועמ.

די לערערנ אָבער לאַכט שוינ ניט. ס'פֿאַרדריסט איר, וואָס אזא גוט ייִנגל קענ ניט נעמענ זיכ אינ די הענט, טאַקע אַפֿ אנ'עמעס. אלע קינדער וועלנ אוועקגײנ פֿאָרויס אונ ער וועט שוינ אָפּשטײנ אונ אָפּשטײנ.

2

זשאָרזשיקס מאַמע—רעגינע פֿײַנבײַנ, א יונגע, איז זײער א פֿאַרנומענער מענטש. זי האָט ליב איר קינד, ווי אלע מאַמעס, נאָר אומקוקנ זיכ אַפֿ אימ האָט זי קײנ צײַט ניט: דעמ טאָג אַרבעט זי אינ פֿאַבריק אונ אינ אָוונט לערנט זי זיכ. דאָס דאַרפֿ זי נאָכ לערנענ צווײ מיט א האַלבנ יאָר, אונ-זי וועט שוינ ווערנ אנ אינזשענער טעכניקערנ. איר מײנט עפּשער גלאַט אזוי אנ אינזשענער—נײַנ—אנ אינזשענער א פּראָלעטאַרישער, אנ אונדזעריקער. דאָס איז שוינ דאָפּ-קע עפּעס ווערט.

אנומלטנ האָבנ זיכ בא איר אינ יאַנוואַר כוידעש אויפֿגעקליבנ דרײַ פרײַ-טעג נאָכאנאַנד. עפּעס א קלײניקײַט דרײַ טעג נאָכאנאַנד. האָט זי אויפֿגעראַמט די שטוב, געמאַכט פֿונ די צימערנ שפּיגלענ, האָט זיכ אלײנ אָפּגערומ, האָט

זשאָרזשיקנ אויסגעוואשנ, אויסגעפוצט, אונ איז מיט אימ יעדנ אָוונט ערגעצ געגאנגענ.

מאמע,—קומט צולויפנ זשאָרזשיק פונ שול:—נא דיר א צעטעלע!... די מוטער קומענ אפֿ דער פֿארזאמלונג פֿרייטיק, דעמ 22-טנ, 6 אזייגער פֿארנאכט.

רעגינע פֿיינבערג האט זיכ דערפֿרייט, וואס זי האט א פֿרייענ אָוונט: איצט וועט זי שוינ טאקע גיינ אינ שול אריינ אפֿ דער עלטערנ-פֿארזאמלונג, זי וועט הערנ וויאזוי מענ לערנט זיכ די קינדער, וויאזוי לערנט זיכ זשאָרזשיק. זי האט איבערגעלייענט נאכאמאל ס'קוויטעלע.

— גוט,—זאָגט זי,—פֿרייטיק, דעמ 22-טנ, 6 אזייגער, גיי איכ אפֿ דער עלטערנ-פֿארזאמלונג.

— אונ זשאָרזשיק גייט אויכ מיט!—האט זשאָרזשיק צוגעגעבנ אפֿ זיכ אליינ.

— פֿארוואס דענ ניט?—האט אימ די מוטער געענטפֿערט,—אויב ס'וועט נאָר אריינלאָזנ, וועט זשאָרזשיק אויכ קענענ גיינ.

3

פֿרייטיק, דעמ צוויינצוואנציקטנ, אָנפֿאנג אָוונט, אינ שול, אינ די קלאסנ אינ ליכטיק: אינ יעדער קלאס, קימאט, גייט א עלטערנ-פֿארזאמלונג. יעדער לערער אָדער לערערינ גיבט אָפּ א באריכט פֿאר זייערע שילער-עלטערנ וועגנ דעמ, ווי די קינדער לערנענ זיכ, ווי די קינדער פֿירנ זיכ.

אויב אינ גרופּע נומ 2 ב' זיצנ די מוטערס אונ א טייל פֿאָטערס אפֿ די פּארטעס. די לערערינ—כאווערטע סאָניע—זיצט אפֿ איר געוויינלעכנ אָרט פֿארנ טישל, אונ זי דערציילט, זי טיילט זיכ מיט די עלטערנ אינ וועלכע זייטנ זי באגעגנט שוועריקייטנ מיט די קינדער, ווו אונ ווענ די קינדער פֿארשאפֿנ איר פֿרייד מיט זייערע דערפֿאָלגנ. דערנאָכ רופֿט זי שוינ אָנ נעמענ פֿונ די קינדער, וואס זיינענ בא איר פֿארשריבנ אינ זשורנאל קעסיידער לויטנ אלעפֿבייז נאָכ. איינ קינד קענ בעסער לייענענ אונ שרייבנ, נאָר אינ רעכענענ איז עס שוואכ. איינ קינד קענ רעכענענ, לייענט פֿריי רוסיש, נאָר אינ יידיש איז עס שוואכ, איינ קינד צייכנט זיכ אויס בא אלצ, נאָר ער איז ניט קיינ גוטער כאווער, אונ די אויפֿפֿירונג זיינע איז ניט באפֿרידיקנדיק. דערנאָכ הייבט זי שוינ אָנ לייענענ געקירצט, אונ די מוטערס שטייענ זיכ שוינ אליינ אָפּ פֿונ וואס מ'רעדט, צומ ביישפּיל:

„ריוועלע בלוישטיינ—גוט, גוט, שלעכט“. דאָס הייסט: שפּראכ, מאטעמאטיק, אוקראיניש—גוט. אויפֿפֿירונג—שלעכט.

רופֿט זיכ אָנ ריוועלעס מאמע פֿונ איר פּארטע:

— זי איז בא מיר טאקע א שטיפֿערקע, די קלענערע טיינע, אז געפֿערלעכ.

זי זאָגט עס, אזוי ווי זי וואָלט עפּעס באדויערנ געוואָלט, אָבער איר פּאָנעמ איז צעשמייכלט פֿונ דעמ, וואָס איר קינד לערנט זיכ אזוי גוט.

— מאָטיק העלפאַנדביינ, — זעצט פאָר די לערערנ הויכ אפנ קאָל — גוט, שלעכט, גוט, גוט...

דאָס הייסט שפּראַכ — גוט. רעכענונג — שלעכט, מ'מוז זיכ צולערנענ אביסל אויסער די שול-שאָענ. אונ אוקראַיִניש — גוט, אופפירונג — גוט.

אנדערע קינדער זיינענ אויכ געקומענ מיט די מוטערס. זיי האָבנ ליב די שול אונ באַ יעדער געלעגנהייט איז זיי ליב קומענ צולויפנ אהער. זיי שטיפנ איצט איבער די באַלויכטענע קאָרידאָרנ, כאַפנ ביגנייווע א קוק דורכ דער האַלב אָפענער טיר אינ קלאַס אַרײַנ אונ זיי קוועלנ אָנ, וואָס די עלטערנ זיצנ, ווי קליינע קינדער, אפ די פּאַרטעס אונ נעמענ אָפּ פונ זיי גרוסנ באַ דער לערערקע.

רעגינע פֿיינביינ ז'עפּשער די שענסטע אונ די יונגסטע צווישנ די מוטערס. איצט האָט זי נאָכ אָפּגערוט א פּאָר טעג אונ זיצט אינ שול פריי אונ אָנ איילעניש, איז ווער צו איר גלייכ: אנדערע מוטערס האָבנ אויכ אינ די עטלעכע גרופּעס קינדער אונ ווער אינ די קלענערע, אָבער זי; רעגינע, האָט נאָר איינ יינגעלע; א שיינעס, א שטיפנ, מיט קלוגע 2 אָפענע אויגנ, א זשאַרושיק פיינביינ האָט זי, וואָס גייט אינ דער 45 טער שול, צווייטע גרופּע ב'. זיצט זי איצטער א פאַר-פלאַמטע, פונ פרייד, זי זעט קיינ איינ וואָרט ניט דורכלאָזנ פונ דאָס, וואָס די לערערנ לייענט אונ אז ס'קומט שוינ אָנ צום ביכשטאַב — פ, וועט שוינ באַלד זיינ פיינביינ. טעמט האָט דאָס האַרצ קלאַפּנ נאָכ שטאַרקער. אונ זי פרייט זיכ שוינ אָפּ צופריער, ווייל ווער קענ זיכ נאָכ בעסער לערנענ פונ איר קליינעם לעבעדיקנ זשאַרושיקנ.

— פרידמאַנ ליאָווע אזוי אונ אזוי אונ אזוי.

— פּאַלקאָוויטש באַנקע גוט, זייער גוט, גוט, גוט...

— פיינביינ זשאָרזש...

אונ די לערערנ; באַוואָרטע מאָניע; זוכט אָפּ מיט די אויגנ רעגינענ צווישנ די עלטערנ. אלע קוקנ זיכ אום אפ רעגינענ, מ'ווייסט ווער זי איז, אונ מ'האָט זי ליב, אי זי אליינ, אי צוליב זשאָרזשיקנ, וואָס ער איז אזא לעבעדיק יינגל.

די לערערקע פאַרהאַלט זיכ א ווײַלע אונ הייבט אָנ מיט א פאָרעדע.

— וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ?.. באַ אײַכ איז נאָכ ניט אינגאַנצנ פאַרפאַלנ, אײַער זונ איז זייער א פייִנ אונ לעבעדיק יינגל, נאָר ער וויל זיכ ניט נעמענ אינ די הענט. אײַכ האָבנ מיר גערופנ עטלעכע מאָל, האָט איר צוליב אײַער פאַר-נומענקײַט ניט געקענט קומענ... אז ער וועט זיכ אונטערציִענ, וועט ער געוויס קענענ אָנִיאָגנ די גרופּע, נאָר דערווײַל איז באַ אים, צום באַדויערנ, שלעכט, שלעכט, אונ שלעכט... דאָס הייסט אופפירונג ביכלאַל וואָלט זיכ ניט גערעכנט פאַר שלעכט, וואָס מאַכט עס אויס — א לעבעדיק קינד האָט ליב שטיפנ, נאָר ווענ איז עס אלצ גערעדט, ווענ ער לערנט זיכ...

---

רעגינע פֿיינביינ איז געבליבנ זיצנ אונ שוינ מער ניט געהערט וואָס מענ רעדט צו איר, טרערנ האָבנ באַ איר גענומענ קאַפּענ פונ די אויגנ ניכ — ניכ —

זיכ. ניט זי ווייסט און ניט זי וויל ווייסנ, נאָר וואָס זאָל זי טאָנ, אז די טרערנ שיטנ זיכ אליינ, ווי א בורשטיניענער לויכטנדער האָגל; אליינ פֿונ זיכ קײַקלענ זיי זיכ איבער אירע באקנ, ווי די פּערלעכ.

4

אינדערהיימ.

זשאָרזשיק, וואָס האָט פֿריער מיט א שאָ צוגעזונגענ די סצענע אינ שול, און וואָס האָט נאָכ קיינמאָל קיינעמ אינדערוועלט ניט ליב געהאט אזוי שטארק ווי די מאמע זײַנע, איז איצט געווענ שטארק צעטראָגנ.

די מאמע זאָגט אימ ניט קיינ האלבנ וואָרט, זי איז נאָר שטארק פֿארענ-דערט אינ פּאָנעמ, און די אויגנ זײַנענ בא איר אויסגעשטירט.

מ'דארפֿ אָפּעסנ אוונטברויט און גיינ שלאָפֿנ, נאָר ניט בא איר עפֿנט זיכ דאָס מויל צום עסנ און ניט בא אימ. מ'זיצט באמ טיש און מ'שווײַגט לאנג, לאנג. זשאָרזשיק האָט כאראָטע אַפ אסאכ זאכנ, ער וויל עפּעס זאָגנ דער מאמענ נאָר ער ווייס ניט וויאזוי אָנהייבנ. פּלוצימ האָט זיכ אויסגעלאָשנ די עלעקטרע אינ שטוב.

שוינ „איינס אזייגער" האָט בא זשאָרזשיקנ א שווינדל געטאָנ אינ קאָפּ. „אוי ווי שפּעט", אָבער פּלוצימ האָט אימ געגעבנ א טראָג אנ אנדער געדאנק און ער איז אומגעריכט צוגעפֿאלנ צו דער מוטערס האלדז. זײַנ פּאָנעמ איז געווענ אינגאנצנ נאס פֿונ טרערנ.

— מאמענ,—האָט ער א שעפּטשע געטאָנ שטיל און מיט א פֿארוואָרגענעמ קאָל,—בויג אָנ דעמ אויער... וועסטו עפּעס הערנ...

רעגינע האָט אָנגעבויגנ דעמ אויער און זשאָרזשיק איז מיט א נאסנ פֿאר-פֿלאמטנ פּאָנעמ צו איר צוגעפֿאלנ. מיט די הענטלעכ האָלט ער ארומגענומענע דער מאמעס האלדז.

—מאמע,—זאָגט ער ווײַטער, און קאָל איז שוינ בא אימ אביסעלע זיכערער,—דו ווילסט? וועל איכ זיכ נעמענ אינ די הענט ארײַנ... איכ אז איכ זאָג—איז געזאָגט!

און ס'איז אימ מיטאמאָל געוואָרנ גרינגער אָפּנ הארצנ ווי א שווערער שטיינ מאסע וואָלט זיכ פֿונ דאָרט אראָפּגעקײַקלט, ס'איז אימ נאָר געוואָרנ ליכטיקער אינ די אויגנ. ער האָט לײַכט אָפּגעזיפֿצט און שוינ מיט אינגאנצנ א קלאָרנ קאָל זיכ אָנגערופֿנ.

-- אָפּגערעדט?

— גוט,—האָט אימ די מאמע קורצ געענטפֿערט און אימ געשמאק א קוש געטאָנ פֿארנ שלאָפֿנ גיינ.

5

וואָס ווײַטער ז'געווענ איז שוינ ווײַער גרינגנ זיכ אָנצושטויסנ. זשאָרזשיק אז ער וויל קענ ער. די לערערנ און די שילערס האָבנ זיכ גאָר ניט געקענט

אָפּוואַנדערן, ווי דאָס יינגל האָט זיך גענומען צום לערנען. און פרילינג בעשאַס מ'האָט שוין געהאַרפּט צעלאָזן די שול אויף זומער, האָט שוין די לערערין געלייבט זשאַרזשיקן: „גוט, זייער גוט, גוט".

— נו, האָט זי זיך מיט פרייד אָנגערופן צו אַלע קינדער,—איצט זעט איר שוין, וואָס הייסט זיך נעמען אין די הענט.

— אָט וועל איך אייך באַלד ווייזן,—האָט זשאַרזשיק פאַר פרייד געמאַכט אַ קאַזשעלאַק און ווייטער אין אַ געלעכטער איבערגעכאַפּט יענע באַכטע, ווי אַזוי מ'נעמט אַרום מיט די הענט דעם קאָפּ, דאָס האַרץ און די זייטן.

—קוקט, באַוואָרנטע סאָניע,—זאָגט ער,—אָט אַ נעם איך זיך אין די הענט.

און אַלע קינדער, ווי אויך די לערערקע, און זשאַרזשיק האָבן אָנגעקוואָלן, וואָס ס'האָט זיך אַלץ אַזוי גוט געענדיקט.

# א שלעכטער טאָג.

טאקע א שלעכטער?

ניט פאר איטלעכנ. פאר אורעסטשיקנ איז עס געווענ א טאָג אנ אײַנגע-געסענער, א זויערער, א צעקוואטשעטער, אפ דורכ אונ דורכ א דורכגענעצ-טער מיט קוואטש אונ מיט פארדראָס.

אָנגעהויבנ האָט זיכ דער טאָג, ווי געוויינלעכ, פונ דעם, וואָס די מאמע האָט געזאָגט:

— אורעסטשיק, שטיי אופ. סט'נאָכ היינט ווידער פארשפעטיקנ אינ שול.

דערופ האָט איר אורעסטשיק געענטפערט מיט זײַנ קעסיידערדיקנ:

— כאָ-נאָכ צײַט.

וויבאלד די מאמע זאָגט צו אים סט'נאָכ היינט ווידער פארשפעטיקנ אינ שול, איז א סימנ, אז אורעסטשיק האָט שוינ איינמאָל פארשפעטיקט?..

דערויף קען מען ענטפֿערן, אז דער סימען איז טאַקע א סימען, אָבער צי איינמאָל דאָס איז נאָך א פּראָבע ווערדליק די יעדיעס וואָס מיר האָבן, האָט שוין אורעמטשע פֿאַרשפּעטיקט גאַנצע צוויי מאָל און דער לערער האָט אים געזאָגט:

— בראַניקאָוו, נאָך היינטיקס מאָל לאָזן מיר דיכ אַרײַן אָפּן צווייטן לימעדי- אָבער ווײַסן זאָלסטו, אז אויב דו פֿאַרשפּעטיקסט א דריטן מאָל, שיקן מיר דיכ אָפּ אַהיים.

— בא אונדז האָט דער סאַמאָוואַר זיכ ניט געוואָלט צעבריִען,—האָט אור- רעמטשיק אויסגעטראַכט א טערעץ אָפּן אָרט און איז געוואָרן רויט.

אָבער דער לערער, כאַווער ביניאָמינ, האָט זייער ניט ליב קיין טערוצים ביכלאל און נאָך באַזונדערס אַזעלכע נאַרישע טערוצים, ווי אורעמטשעס.

— נעכטן,—זאָגט דער כאַווער ביניאָמינ,—האָבן בא אים די מײַז פֿאַר- שלעפּט העם שנירל פֿון די שיכ, היינט האָט זיכ בא אים דער סאַמאָוואַר ניט געוואָלט צעבריִען און מאָרגן וועסטו פֿאַרשפּאָרן קומען אינגאַנצן אין שול, אויב דו וועסט פּראָווען אַזעלכע שטיק.

אַלע 36 קינדער פֿון דער צווייטער גרופּע האָבן געהאַלטן, אז דער כאַווער ביניאָמינ איז גערעכט, און אַפילע אין האַרצן האָבן זיי זיכ ניט געוואָלט אײַנ- שטעלן פֿאַר אורעמטשיקן דערפֿאַר, וואָס ער איז א פֿאַרשפּעטיקער און א פּראָגולשטשיק:

די מאַמע האָט זיכ דערוווּסט די גאַנצע מײַסע פֿון פֿערעלע דעם זייפֿערס.

— זייער שיין, אורעמטשיקל,—האָט אים די מאַמע געשעמט; בעסער באַקל ברענגט מיר גאָר דאָס פּאָנעם, אז איכ הער פֿון מײַן זון אַזעלכע גרוסן.

אורעמטשע האָט אָנגעהויבן די אויגן אָפּ דער מאַמעס פּאָנעם און האָט באַשלאָסן, אז זי זאָגט א ליגן: וואָרום אויב דאָס פּאָנעם וואָלט איר געברענט, טאָ פֿאַרוואָס האָבן זיכ בא איר ניט אָפּגעסמאַליעט די ברעמען?

---

היינט אינדערפֿרי, ווען די מאַמע האָט אים אונטערגעאײַלט, ווייסן מיר דאָכ שוין, וואָס ער האָט איר געענטפֿערט:

„בא—נאָכ צײַט!"

האָט ער אַזוי לאַנג געהאַט צײַט, ביז ער איז טאַקע אָנגעקומען אין שול אַרײַן אַקוראַט צו דער ערשטער האַפּסאַקע, ווען די כעווערע זײַנען אַרויסגע- שפּרונגען מיט א פֿריילעכן קוראַזש פֿון די קלאַסן. אָט דאָס דערזען, האָט אים גלײַכ אָפּגעריסן אין האַרצן. נו יאָ, דער עמעסער פֿאַרגעניגן, אז מען גייט אַרויף אָפּ די טרעפּ מיטן רענצל אָפּ די פּלייצעס און די כעווערע לויפֿן שוין אַרום פֿריילעכע איבערן קאָרידאָר נאָך דער ערשטער לעקציע.

אורעמטשיק האָט זיכ אָבער געטראַכט א האַרץ, און איז אַוועק אין גאַרדע- ראָב זיכ אויסטאָן. הערנאָכ האָט ער זיכ פּאַמעלעכ אַרײַנגעגאַנוועט אין קלאַס אַרײַן מיט די ביכער און שוין געוואָלט איבערזיצן איבערשטיל ביזן צווייטן לימעד.

— בראַניקאָוו! גיי נאָר אַרויס פֿון קלאַס, נאָר גיכ!—האָט פֿאַקראַס דער

דעזשורנער זיך אָנגערופֿן.

— וואָס איז דען?

— אָט דאָס איז דען. אַזוי ווי ער ווייס געבעטן ניט, אַז פֿון אײן לימעד ביז צווייטן, דאַרף מען לופֿטערן דעם קלאַס.

העלפֿט ניט, אַז מע מוז אַרויסגיין, גייט מען אַרויס.

אין קאָרידאָר האָט ער זיך שיער ניט צעבוטשקעט מיט ליאָזקע סטופּניצקען און ליאָזקע האָט אים געמאַכט פֿאַר אַלע קינדער אין די אויגן די עמעסע פּאַנעגעניש:

— אַ—אַ—אַ!!!—מאַכט ער.—בראָניקאָוו איז שוין דאָ?! איך קען דיר אָפּגעבן אַ נעגרוס פֿון דײַנע מײַזן:

— פֿון וואָסערע מײַז,—איז לייקע קאָזאַראַי פֿון דער צווייטער „ב" צוגעלאָפֿן:

— וואָס הייסט פֿון וואָסערע? דו ווייסט דען ניט, אַז אײַערנעכטן האָבן בײַ אים די מײַז פֿאַרשלעפּט דעם רעכטן שוך מיט דער לינקער זאָק? און בראָניקאָוו האָט איבער זיי ניט געקענט קומען אין שול אַרײַן?

— טאַקע? נו, איז וואָס געווען?

— נו, האָב איך זיי הײַנט אינדערפֿרי פּאַגענגט.

— אײַ, גיי, דו לאַכסט!

— ווער לאַכט? אַז איך זאָג דיר באַגענגט, איז באַגענגט, ניאָסקע, ניאָסקע—ע—ע—ע, איאָ, מירן זיי געזען.

— יאָ, יאָ,—האָט ניאָסקע אַ פֿרייליכער געענטפֿערט,—אַלע האָבן געזען, וויאַזוי צוויי קעץ מיט בלויזע שוועדן האָבן זיי געפֿירט אויף אַ ספּעציעלן גרוזאָוויק גלײַך אין דאָפּער אַרײַן... די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעלאָפֿן.

אָורעמטשעס זײַנען אַרײַן אַלע פֿאַרבן אין פּאָנעם און ער האָט זיך געוואָלט אָפּרוקן אַזאַ זײַט און מאַכן אַ שווײַג. דאַרף אים אַקוראַט אָנגיין דער באַוועד ביניאָמינ אַנטקעגן.

—אַ,—מאַכט ער,—בראָניקאָוו איז דאָ, נו, וואָס איז הײַנט געווען?

— די מאַמע האָט מיך פֿאַרשלאָסן גאַנץ פֿרי אין שטוב,—האָט אָורעמטשיק אָנגעהויבן שטאַמלען.— דערנאָך האָט זי פֿאַרגעסן אין מאַרק די שליסלען, ביז זי איז געקומען האָב איך...

—האָסטו אויסגעטראַכט דעם נײַעם טערעץ,—האָט דער באַוועד ביניאָמינ אים ניט געלאָזן ענדיקן,— איצט נעם די ביכער און גיי אַ היים. מאָרגן זאָל קומען צו אונדז דער טאַטע, אָדער די מאַמע.

אָורעמטשיק איז געוואָרן נאָך רויטער. גיין אין קלאַס אַרײַן נאָך די ביכער האָט ער זיך געשעמט, און גיין אַ היים אָן די ביכער איז אים אויך געווען שלעכט, האָט ער באַקלערט, אַז ער וועט אַראָפּגיין אין גאַס און צוואַרטן ביז די קינדער וועלן גיין פֿון שול... אָבער דעם הייסן פֿרישטיק, וואָס מע גיט אין שול וועט ער דען קענען עסן?—ניין... איז טאַקע שלעכט. אָורעמטשיק האָט גענומען שלינגען די שפּײַעכץ אין מויל, און איז מיט אַ פֿולן פֿאַרקלעמטן

קאָפּ ארויס פאר דער טיר. אינ גאס איז געווענ אזוי ווי בא אים אפנ הארצנ: אומעטיק, רעגנדיק, נאס און פאַסקודנע.

ווו זשע טוט מענ זיכ אהינ?

אנטקעגנ איז געשטאנענ א קאָאָפּעראַטיוו.

אורעמטשע איז אריינ אהינ. אָבער קויפֿנ דארפֿ ער גאָרניט און זיכ דרייענ איטלעכנ פאר די פיס איז אויכ ניט קיינ ארבעט. האָט ער זיכ, אורעמטשע, אזוי לאנג געריבנ בא די ווענט, ביז ער האָט זיכ האָ אויכ ארויסגעריבנ. פונ יענער זייט טיר. פונ דער אָ זייט טיר איז אָבער קאלט. שטייט ער און דרי-זשעט, ווי א הינטל. נאר שטייט און דריזשעט אינ חער נעצ און אינ דער קעלט, און אינ הארצנ בעט ער, אז עס זאָל כאָטש ניט דורכגייענ קיינ באקאנ-טער, כאָטש א טערעצ וואָלט ער אויכ איצט קענענ אויסקלערנ. דערווײַלע איז דורכגעגאנגענ א ווײַבל איינע. ווײַזט אויס, אז זי איז געגאנגענ פונ מאַרק מיט'נ קוישל. דערזעט א ייִנגעלע רײַבט זיכ לעבנ קאָאָפּעראַטיוו און דריזשעט. מיינט זי אפֿ אים, אז ס'א, א בעטלערל. און ס'איז איר געבליבנ פינפֿ קאָפּי-קעס דריבנע פונ מארק, קלערט זי, אז מענ דארפֿ אים עפּעס אָפּגעבנ.

אפֿ די רייד איז אָנגעקומענ די סטאָראָזשיכע און, אז זי האָט דערזענ א ייִנגעלע שטייט און רײַבט זיכ לעבנ וואנט פונ קאָאָפּעראַטיוו, אינ אזא צײַט, ווענ די גאנצע שטאָט ייִנגלעכ און מיידלעכ זיצנ איצט בא די פּארטעס אינ לערנענ, האָט זיכ איר אויסגעוויזנ, אז דאָס קענ זײַנ א קליינ גאנעוול און זי האָט אפֿ אים געגעבנ שרײַענ ער זאָל גיכער אוועקגייענ פונדאנענ.

אורעמטשיק האָט ניט געוווּסט ווו טוט מענ זיכ אהינ פונ די אלע פרויענ.

פּלוצים האָט אים ווי א דונער דערלאנגט איבערנ קאָפּ: ער האָט דערזענ די מאמע דורכגייענדיק פונ ערגעצ און זי האָט אים דערזענ. זי האָט גאָרניט געטראכט באגעגענענ דאָ אורעמטשענ, דאָ אינמיטנ חער נעצ, אָנ א פּאַלטעלע, אָנ א היטל און מיט אזא מינ זייערנ פּאָנעם. די מאמע איז געוואָרנ בלייכ מאקנ אפֿ אנ עמעס:

— וואָס איז, אורעמטשיקל, וואָס טוסטו דאָ?—האָט זי אינ שרעק א פרעג געטאָנ.—קומ נאָר, זונעלע, גיכער אינ שול אריינ.

„באַ—נאָכ צײַט“—האָט אורעמטשיק געוואָלט ענטפֿערנ זײַנ געוויינלעכנ ענטפֿער, אָבער ער האָט עס ניט געקענט אויסריידנ, וואָרומ ס'האָבנ אים געש-ריבנ אינ האלדז גאנצע קוילנ מיט טרערנ. וואָרומ נישקאָשע, דער שלעכטער, דער ביטערער טאָג האָט אים גוט דערלאנגט.

---

אינ שול האָט דער באוועך ביניאָמינ איבערגערעדט מיט דער בלייכ-געוואָ-רענער מאמע אלצ, וואָס ס'האָט זיכ געפּאַסירט, אָבער ניצטיק איז עס שוינ ניט געווענ, ווײַל אורעמטשיק האָט אָנגעהויבנ אלע טאָג אופּשטיינ גאנצ פרי, אונ נאָכ פינצטער.

— שלאָף נאָכ!—פלעגט די מאמע אָפ אים שרײַענ,—וואָס יאָגסטו אַזוי?

אָבער אַוורעמטשיק פלעגט איר ענטפערנ מיט איספּעט:

— גיכער עסנ גיב—כאָ—ניט קא—צײַט!

---

און פריער פאַר די סאמע פריסטע קינדער [illegible] אָב איידער די טעכ-ניטשקע שליסט אָפ די דרויסנדיקע טיר) האָט [illegible] קומענ אינ שול אַרײַנ און זואַרטנ ביז מענ וועט עפענענ די [illegible]רעפט ווער? דאַפקע אַוורעמטשיקל בראָניקאָוו.

סע:טיאַבער 1933. קיִעוו.

# האַרבסטיקע פרייד

## (קאַשטאַנעס)

אין האַרבסט צײַטיקן זיך בײַ אונדז קאַשטאַנעס. אַזוי איבער דער רוישיקער שטאָט שטייען בײַ אונדז אויף די טראָטואַרן בײַ די זײַטן גאַס, לעם שטוב און שטוב קאַשטאַנען-ביימער, ראַטנע ביימער אַזעלכע, שוין מיט עטוואָס פאַרגעלבטע בלעטער און אָפּגעשאָטן מיט צײַטיקע פרוכטן, געהילטע אין שטעכיקע פּאַנציר-שאָלן. פון אויסווייניק זײַנען די שאָלן שטעכיק, פון אינעווייניק זײַנען זיי ווײַס און ווייך אויסגעבעט.

מישקע, פירע, ליאָווקע, מײַע, זיאַמקע און נאָך קינדער פון הויף האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם העכסטן קאַשטאַן-בוים, לעם זייער הויז נומער דרײַ און דער, אויף גאַס אַזעלכע און אַזעלכע. איגאָר, דער עלטסטער יינגל, איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוים סאַמע אַרויף.

—טרעס! טרעס!—

און ס'האָבן זיך גענומען שיטן אויף דער ערד פאַרפּאַנצערטע, באַהילטע קאַשטאַנעס. פּיק אויף דער ערד—און די שאָלן צעשפּאַלטן זיך, שפּרינגען אָפּ אין בײַדע זײַטן און דאָס ברוינע אָפּגעפּאָלירטע קאַשטאַנדל דערזעט מיטאַמאָל פאַר זיך אַ ליכטיקע וועלט, נאָך וועלכער עס האָט אַזוי לאַנג גע- טרויערט. עס דערזעט אויך די קינדערשע פּענעמלעך און צעשמייכלט זיך אַנט- קעגן זיי, און צעגלאַנצט זיך מיט קילער, גלאַטער פרייד:

— אָך, ווי שיין!

— אָך, ווי גוט!

איגאָר טרייסלט אַ פּעטע צווײַג.

טרעס! טרעס!

און די פאַרפּאַנצערטע קאַשטאַנעס—פּיק! פּיק! אויף דער ערד.

די שאָלן פּלאַצן, שפּרינגען אָפּ אויפן שטיין, און די קינדערשע אייגעלעך דער- זען די באַפרײַטע גלײַנקע, שײַנענדיקע קאַשטאַנען. די הענטלעך צעמ'אָכקען

זיך: טיאָך, טיאָך, און די קינדער ארום בוים קלײַבן, גלעטן, פֿרייען זיך און קוועלן.

— איגאָר, וואַרט צו, טרייסל ניט ביז מירן אויפֿקלײַבן, ווײַל אוגוסטיעקע האָט איינעם געטראָפֿן אין קאָפּ. וואָ-אָס? ניין, סע טוט איר ניט וויי! וואַרט צו, אַז מירן אויפֿקלײַבן, וועלן מיר דיר א געשריי טאָן—„ווײַטער“ ...

איגאָר פֿאָלגט.

ער שפּאַרט זיך אָן אינעם שטאַם. ער איז פֿרײַנט מיט די גרינע צווײַגן און איז פֿרײַנט מיט די הענגענדיקע קײַלעכדיקע שיידלען, וואָס באַהאַלטן אין זיך אויס אין ווייכן אויסגעבעטעכץ אָט די אָ קילע, גלאַנציקע, שיינע, וואָס מיר נעמען זיי אָן פֿולע קעשענעס און וואָס הייסן—קאַשטאַנעס:

איגאָר האָט זיך פֿאַרקוקט, ווי די האַרבסטיקע פֿאַרנאַכטיקע זון גלאַנצט אין די פֿענצטער פֿון דעם אַפּגייענדיקן טראַמוויי און זי גייט מיט אים אינײַנעם אַפּ אהין ווײַטער און ווײַטער. און, ווי גוט ס'איז דאָ זײַן א שאָכן באַם בוים, א גאַסט אין די אָרעמס פֿון זײַנע צווײַגנדיקע הענט און צוקוקן, ווי אָנאָ-אָנאָ לויפֿט אהער לײַכט אַ מאַשינדל, אַן אויטאָ, און זײַנע פֿענצטערלעך גלאַנצט ווידער וווּנדערבאַר די פֿאַרגייענדיקע זון: נאָר א כאָלעם קען זײַן אַזוי שיין: און איצט זעט ער עס מיט זײַנע אייגענע אויגן.

— איגאָר!———ווײַטער!—שרײַען אויס די קינדער און [illegible]ר כאַפּט זיך אויף, ווי פֿון א געשמאַקן שלאָף.

אַזוי א האַלבע שאָ און א שאָ———

עלטערע, וואָס גייען דורך, זײַנען מעקאַנע די קינדער אַפּ [illegible] אָ שאָ. ווער-ניט-ווער דערמאָנט זיך, אַז ער איז אַמאָל אליין געווען א קינד.

און אָט אָ פֿאַרנעמען שוין קליינוואַרג זייער גוטס און מע גייט נאָך אַוועק אַפּ די טרעפּ פֿון זייער הויז אַפּ מאַראַסאָווסקע נומער 30 סאַמע פֿונויבן. דאָרט גיט נאָך דער גלעזערנער דאַך גענוג שײַן און די קינדער טראָגן ארויס אהער זייערע בענקעלעך, שפּיגעלעך, שיסעלעך, שאַפֿקעלעך און זיי שפּילן זיך מיט די קאַשטאַנעס אין אלערליי שפּילן. זיי שפּילן לאַנג-לאַנג, ביז די מאַמעס רופֿן זיי אוועק שלעפֿערדיקע יעדן צו זיך אין שטוב—אָונטברויט עסן, זיך וואַשן און גיין שלאָפֿן.

אָונטברויט עסן... זיך וואַשן... גיין שלאָפֿן...

---

אַפּ מאָרגן גאַנצפֿרי, איך גיי ארויס אַפּ דער פּלאַטפֿאָרמע, וואָס סאַמע אויבן איבער אלע טרעפּ, אונטער דעם גלעזערנעם דאַך.

די קינדער שלאָפֿן נאָך זיכער, יעדערער אַפּ זײַן געלעגער, און דאָ אין א ווינקעלע ליגט פֿאַרלאָזן א הײַפֿעלע קאַשטאַנעס, צוגעטריקנטע און אראָפּ דער גלאַנץ, מיר טוט פֿון דער גרינג א צופּ באַם האַרצן.

שוינ? זיכ שוינ אָנגעשפּילט אונ אָפּגעטאַנצט אונ דאָס איז אַלצ?..
אָבער ניינ, אומזיסט מיינ שרעק. ס'איז דאָכ נאָכ אַזוי פרי, אונ דער טאָג איז נאָכ גרויס, דער ווינטער—ווייט. אָטאָ וועלנ באַלד אויפשטיינ די קינדער אונ וועלנ אַלצ באַלעבנ, אונ אַלצ דערפרייענ· קאַשטאַנעס זיינענ נאָכ דאָ אַפּ די ביימער געניג— — — וועט זיינ פרייד, וועט זיינ גלאַנצ,

וועט זיינ שפּיל, וועט זיינ טאַנצ

אונ ס'וועט נאָכ ביכלאַל זיינ אונ זיינ אינ אונדזער שיינער, גרינער שטאָט באַ אַזאַ מינ שיינעם, וואונדער-שיינעם האַרבסט.

קיעוו. 1932.

# מילכפּע



אין פּוילן, אין דאָמבראָווער געגנט, איז דאָ אַזאַ דאָרף דאָמברינע.
אין דעם אָ דאָרף האָט געוווינט יוליע בערעזאָווסקע מיט איר מאַמען.
יוליע איז שוין אַ גרויס מיידל, זי לערנט שוין אין פערטן קלאַס פון דער דאָמברינער פירקלאַסנער שול:

זי וווינט מיט איר מאַמען אין עק דאָרף, אין אַ שטיבעלע. דאָס שטיבעלע איז קליין און ענג, אָבער יוליע מיט איר מאַמען האָבן ליב ריינקייט, זיינען די ווענט ווייס, דער אויוון צוגעקליבן און אַז מע גייט אַריין אַהין גלוסט זיך נישט אַוועקגיין, אַזוי געמיטלעך איז בײַ זיי.

די מוטער אַרבעט אין דער דאָמברינער הוטע, מיסטאָמע ווייסט איר, וואָס אַ הוטע איז: אַזאַ זאַוואָד, וווּ מע גיסט אויס גלאָז און פונעם גלאָז פאַרשיידענע גלעזערנע געשיר.

פּאַלינע—יוליעס מאַמע—האָרעוועט אַכט און באַקומט זייער ווייניק, איינגאַנצן צוועלף גראָשן אַ טאָג. מיט די צוועלף גראָשן איז זייער שווער זיך דורכצולעבן, נאָר דאָך וויל זי נישט אָפּרײַסן יוליען פון שול.

— זאָל זי שוין,—זאָגט זי,—פאַרענדיקן דעם פערטן קלאַס, זי וועט נאָך צײַט האָבן זיך אײַנשפּאַנען אין יאָך.

אַלע פאַרטאָג פאַרן אַוועקגיין קאָכן זיי אָפּ, ראַטנ צו, יולקע טראָגט אָן

האַסער פֿון בורזשויִם, העלפֿט אַלצדינג און, אַז זיי גייען אַוועק גאַנצפֿרי זעען זיי זיך שוין ניט דעם גאַנצן טאָג, ערשט ביז פֿאַרנאַכט, אָדער אָנפֿאַנג אָוונט, ווען זיי קומען זיך צוריק צונויף, זיינען זיי ביידע איינגעמאַטערט ביזן קומענדיקן גאַנצפֿרי.

פֿאַראַיאָרן ווינטער, דעם 21-טן יאַנואַר (ווי באַוווּסט איז דער טאָג פֿון 21-טן יאַנואַר; זינט דעם 1924 יאָר; געוואָרן טיף איינגעקריצט אין די טויזנטער און הערצער פֿון די אַרבעטער מיט זייערע קינדער אויף דער וועלט, דעם 21-טן יאַנואַר, טויזנט נײַנהונדערט פֿירונדצוואַנציקסטן יאָר איז אין גאָרקי, הינטער מאָסקווע, געשטאָרבן אונדזער בעסטער און ליבסטער פֿירער וולאַדימיר איליטש לענין).

יאָ, אין פֿאַראַיאָרן ווינטער, דעם איינונצוואַנציקסטן יאַנואַר, פּאָלינע בע-רעזאָווסקע—יוליעס מאַמע—געגאַנגען שפּעטער ווי אַלעמאָל אַהיים, ווייל באַלד נאָך דער אַרבעט האָבן די אַרבעטער און די אַרבעטערינס פֿון דער הוטע זיך געזאַמלט אין זאַל, דורך הינטערנעסלעך, צו כאַוועך ליאַשטשן אין שטוב אַרײַן. כאַוועך ליאַשטש איז אַ מיטגליד פֿון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: און דאָרט, אומלעגאַל פֿון דער פּאָליציי; איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ טרויער מיטינג אין לענינס אָנדענק.

ליאַשטש האָט דערציילט די כאַווײרים, אַז ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַלע איבעריקע בורזשואַזע לענדער זיינען די אַרבעטער גרייט צום קאַמף. ס'איז שוין לאַנג אַוועק די צייט,—זאָגט ער,—ווען די אַרבעטער האָבן געשלאָפֿן אונטערטעניק דעם יאָך. נידער מיט די פֿאַשיסטן! נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג! זאָל לעבן לענינס לערע! זאָל לעבן דער סאָוועטן-פֿאַרבאַנד! זאָל לעבן דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט און זיין פֿירער—די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!

די אַרבעטער זיינען זיך צעגאַנגען הערמעטיק פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, און ווידער איינציקווייז, קעדיי די פּוילישע שפּיאָנען זאָלן זיי ניט אויסשמעקן.

אויך פּאָלינע, יוליעס מאַמע, איז געגאַנגען אַהיים מיט אַ גוטן געפֿיל, זי האָט געבאַזערט די ווערטער, וואָס זי האָט געהערט אויף דעם מיטינג. אָ—מירן ניט דערלאָזן, כאַזערט זי, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּיאַווקעס זאָלן אויפֿהייבן אַ האַנט אויף פּ. ס. ס. ר.!—זי גייט און קלערט צו זיך אַליין: דורכט זיך אַזוי ניט ווייט איז דער פּ. ס. ס. ר. פֿון פּוילן און דאָרטן איז אַזאַ פֿרייהייט, די אַרבעטער מיט די פּויערים זיינען דאָ דער מאַכט··· לענין איז געשטאָרבן, נאָר זיין לערע לעבט. אין שול באַ יוליען איז טינאַסטאַם אויך עפּעס פֿאָרגעקומען. איצט מאַכט זי, פּאָלינע, גיכערע שפּאַן. דער פֿראָסט טרעשטשעט אונטער אירע פֿיס. טיף אין קעשענע באַהאַלטן האָט זי אַ מאַטאָנע פֿון יוליעס וועגן, אַ ביכעלע מיט לענינס ביאָגראַפֿיע איבערגעדרוקט אויף פּויליש. יוליע וועט זיך פֿרייען מיט דער מאַטאָנע בעסער ווי מיטן גרעסטן געווינס. פּאָלינע מאַכט נאָך גיכערע שפּאַן: ווי-ניט-ווי גלימשן זיך נאָך פּאַרשפּעטיקטע קינדער: נאָר אין גרעסטן טייל דאָרף זיינען שוין די פֿײַערן אויסגעלאָשן. ס'קען שוין זיין גאַנץ שפּעטלעך.

פּאָלינע זעט שוין אויך איר שטיבל פון דערווייטנס, אָבער דאָרטן איז אויך קיין שײַן ניטאָ.

— קען דאָס זײַן, — קלערט זי, — אַז יוליע זאָל שוין שלאָפן, אָט אַ פּעפּער־קע: האָט ניט געקענט צוואַרטן אַף דער מאַמען.

אָבער איר פאַרוואונדערונג איז איבערגעגאַנגען אין שרעק, אַז זי איז גע־קומען צום טיר און געטראָפן דעם שלאָס פון דרויסן הענגען, אַ סימן, אַז יוליע איז נאָך אינגאַנצן ניט געקומען. ניט קיין גוטער געפיל האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, עמעצער פּײַניקט איצט איר קינד, האָט זי אַ קלער געטאָן. ס'האָבן זיך איר מיטאַמאָל אַ ווײַז געטאָן פאַר די אויגן גאַנצע באַנ־דעס פאַשיסטישע לערער און לערערישע פּאָליציי, וויאַזוי זיי ראַמלען זיך מיט אַרבעטער־קינדער. די מיעסניקעס קריצן מיט די ציינער און די קינדער שטרעקן אויס איינדערלופטן די לענינישע פאָן און שרײַען איבערהויך: לענין איז געש־טאָרבן, נאָר זײַן לערע לעבט! מיטאַמאָל האָט די בילד אָפּגעטראָטן פון אירע אויגן און זי זעט צוריק נאָר איר יוליען אַליין, ווי זי זיצט אין קאַרצער אין דער פינצטער און אין דער קעלט, מײַז לויפן אַרום אַרום איר און זי קען דאָך ניט דורכברעכן אַזוינע גראָבע ווענט. פּאָלינע האָט אַרומגעטריבן די אַלע געדאַנקען פון זיך און מיט ציטערנדיקע הענט אָפּגעשלאָסן די טיר, אַרײַן און געמאַכט אַ פײַער. דאָס קעצעלע איז איר אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן — מיט אַ פּאַ־ריסן עקל און מיט אַ בײַטערער ניאַווקערײַ: עפּשער איז יוליע אַוועק ערגעץ זיך גליטשן מיט די קינדער און זיך אַביסל צוגעשפּעטיקט. אָבער אין שטוב, זעט זי איז נאָך קיינער ניט געווען פון גאַנצפרי אָן, זינט זיי זײַנען אַוועק.

פּאָלינע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, אין שטוב איז קאַלט, עפּשער זאָל זי פריער אונטערהייצן דעם אויוון, צי זאָל זי גיין צום שול זוכן איר קינד?.. צום שול?. וועמען וועט זי איצטער טרעפן אין שול?

פּאָלינע האָט גענומען ניכ־ביך און אַרײַנגעוואָרפן אַביסל שטרוי מיט אַ פּאָר העלצלעך אין אויוון. דאָס קעצל, וואָס האָט זיך פאַרבענקט פאַר אַ גאַנצן טאָג נאָך אַ מענטשן, רײַבט זיך אַרום פּאָלינעס פוס און טרעט פון איר ניט אָפּ.

אונטערגעהייצט דעם אויוון, האָט פּאָלינע אַרויפגעכאַפּט אַף זיך צוריק דעם זשאַקעט מיט דער שאַל, צוגעדרייט דאָס לעמפּל און זיך געלאָזן גיין צום טיר. פּלוצים איז זי געבליבן שטיין. זי האָט דערהערט טריט מיט קינדערשע שטימען לעם מאַמעס שטוב.

— ווער גייט, — האָט זי אין איין אָטעם אַ פרעג געטאָן און זיך אומגעקערט אַרויסדרייען דעם לאָמפּ.

— הײמישע, — האָבן עטלעכע קינדערשע שטימען געענטפערט און ס'זײַנען אַרײַנגעקומען יוליע מיט אירע צוויי כאַווייריס — זיגמונד און סלאַוועק. אַלע אַרומגעריסענע, צעפּאַטלטע און פאַרשמירטע אין קאַרצער־שטויב.

יאָ, צעפּאַטלטע, נאָר פרייד פון קאַמף איז בא זיי געווען אַף די פּנעמער און זיי האָבן געהאַלטן הויך די קעפּ זייערע. —

— וואָס איז געשען?—האָט פרוי בערעזאָווסקע א פרעג געטאָנ און אף איר פּאָנעם זײַנענ געווענ אויסגעמישט פרייד מיט שרעק אײנאײנעם.

— הײַנט איז לענינס יאָרצײַט!—האָט יוליע געענטפערט.

— איכ ווייס,—האָט די מוטער געענטפערט און איז געבליבנ שווײַגנ. זי האָט גאָלד געוווּסט. אז איר הארצ נארט זי ניט אָפּ. די קינדער האָבנ געוויס דעמאָנסטרירט און די פאשיסטישע לערער האָבנ זיכ ארײַנגעמישט. ס'האָט די קינדער געשלאָגנ און אינ בעסטנ פאל האָט מענ זיי געהאלטנ ביז האלבער נאכט אינ די קאלטע פינצטערע און הונגעריקע קארצערס, אָנ עסנ און אָנ טרינקענ. יאָ, זי האָט אלצ געוווּסט, אָבער זי האָט געקוקט אף די קינדער אינ די אויגנ טאָמער וועלנ זיי דערציילנ קלאָרער.

בא יוליענ זײַנענ געווענ בלויע, טאקע מאמעס הימל-בלויע אויגנ, און ליכטיקע, דינע; דינינקע האָר; איצטער צעקאָשמעטע. די יינגלעכ ביידע זײַנענ אינ וווּקס געווענ עטוואָס נידעריקער פונ איר און די אויגנ זײַנענ בא זיי געווענ טונקעלערע, קימאט בירקאָלירענע.

יוליע האָט אויסגעטאָנ דעם מאנטל מיטנ שאַלעכל: די יינגלעכ זײַנענ געשטאנענ אזויווי אינמיטנ שטוב מיט צעשפיליעטע מאנטלענ און מיט אָנגעדויגעזטע פיסקעס און ענערגישע אויסגעוואשענע בליקנ.

— נו?—האָט פאָלינע אזויווי א פרעג געטאָנ.

און זיגמונד מיט סלאַוועקנ האָבנ געענטפערט:

— אז מירנ אינגיכנ דערלעבנ פוילנ זאָל ווערנ א סאָוועטנ-לאנד, וועלנ בא אונדז אינ די שולנ זײַנ לערער קאָמוניסטנ און ניט קיינ פאָליציייִשע שפיאָנענ, ס'וועלנ בא אונדז ניט זײַנ קיינ קארצערס אינ די שולנ און מירנ פרײַ קענענ קעמפנ צוזאמענ מיטנ אלוועלטלעכנ פראָלעטאריאט.

— רעכט,—האָט פאָלינע זיכ אָנגערופנ,—אויב ס'וועט אײַכ ניט זײַנ שפּעט גיינ אהיימ, טאָ טוט זיכ אויס מירנ אָפּעסנ צוזאמענ.

— בא זיי זײַנענ באוווּסטזיניקע עלטערנ.—האָט יוליע געענטפערט פאר די יינגלעכ.—אויב זיי פארזאמענ זיכ, הארפנ זיי זיכ פארזאמענ. דערפאר זײַנענ אָבער דאָ קינדער, וואָס די עלטערנ זײַנענ בא זיי פארפינצטערט, און אינדערהיימ קומענ זיי אָפּ ניט ווייניקער, ווי אינ דער פאשיסטישער שול.

— דערופ איז עס א קאמפ.—האָט די מוטער אינ א קורצער ווײַלע ארומ געענטפערט.—און אינ קאמפ וועלנ מיר גיינ אזוי, אז קיינע שוועריקײַטנ זאָלנ אונדז ניט פארהאלטנ.

— צומ קאמפ זײַנענ מיר שטענדיק גרייט!—האָבנ די קינדער געענטפערט.

די ווענט האָבנ געבלענדט מיט זייער ווײַסקײַט. אינ אויוונ האָט דער פײַער פונ צײַט צו צײַט אונטערגעקנאקט. צומ קנאפ-באלויכטענעמ טיש, מיטנ באשיידענעמ אָוונטברויט, זײַנענ געגאנגענ פיר מענטשנ: פאָלינע מיט איר קינד און מיט איר קינדס כאווירים.

די שאָ איז א שפּעטע. אינ שטוב איז שטיל, נאָר די הערצער בא אלע פירענ קלאַפּנ און רײַסנ זיכ צומ קאמפ צוזאמענ מיט טויזנטער מיליאָנענ אונטערדריקטע אף פינפ זעקסטל פונ דער גרויסער וועלט.

[illegible] 1931.

# לערער אויסגעפֿילט זײַנע פּראָלעטאַרישע פֿליכטנ

די רעדאַקציע פֿונ דער מאָסקװער צײַטונג „פּראַװדאַ", האָט אָפּגעדרוקט אינעם 341 נומ. פֿאַרנ 1932 יאָר אַ בריװ פֿונעם באַנ-אַרבעטער, דעם סיגנאַ-ליסט אַפֿ דער סטאַנציע סאַמאָזװאַנקע, פֿונעם כ' קיסעליאָװ.

אינ דעם בריװ האָט זיכ אַזױ געשריבנ:

„איכ בינ זײער דאַנקבאַר דער דירעקציע פֿונ דער קורסקער אײַזנבאַנ אונ דעם אײַזנבאַנ-פּראָפֿאַרײַנ, פֿאַר דער גרױסער הילפֿ, װאָס זײ האָבנ מיר אונ מײַנ שטוב-געזינד אַרױסגעװיזנ אינ אַ שאָ פֿונ נױט.

בײַם מײַנ בלײַבנ אַפֿנ פּאָסטנ אינ דער צײַט פֿונ דער סרײפֿע, האָב איכ באַװיזנ דורכצולאָזנ זיבנ פֿאַרשײדנערלײ צוגנ. אױכ אַפֿ װײַטער װינטש איכ זיכ, איכ זאָל אַרבעטנ װי אַ מוסטערהאַפֿטער שלאָגלער, אונ הערבײַ פֿאַרזיכער איכ דאָס גרױסע סאָװעטנלאַנד אונ די פּאַרטײ, אַז איכ װעל אױכ אינ דער צוקונפֿט קעמפֿנ געטרײַ פֿאַר דער סאָװעטנמאַכט. אינ דער נײטיקער רעגע, װעל איכ ניט שאַנעװענ ניט נאָר מײַנ באַלעבאַ-טישקײַט, נאָר אַפֿילע אױכ מײַנ אײגנ לעבנ.

סעמיאָנ קיסעליאָװ. 5/12 1932 י.

צי שטױסט איר זיכ אָנ, קינדער, נאָכ װאָס פֿאַר אַ איבערלעבונגענ, נאָכ װאָס פֿאַר אַ פּאַסירונגענ אָט דער אָ בריװ איז געקומענ?

— נײנ?—טאָ הערט:

אַפֿ דער סטאַנציע סאַמאָזװאַנקע קורסקער אײַזנבאַנ איז דער סיגנאַליסט—דער שלאָגלער כאַװער קיסעליאָװ—געשטאַנענ אינ פֿעלד ניט װײַט פֿונ זײַנ סיגנאַלער בודקע, אונ האָט געהאַלטנ רעזשורסטװע. דער כאַװער קיסעליאָװ האָט דורכגעלאָזנ צוגנ, װאָס זײַנענ געגאַנגענ פֿונ אײנ זײַט קײנ קורסק, אונ פֿונ דער צװײטער—קײנ מאָסקװע.

ס'איז אקוראט אויסגעפֿאלנ א טונקעלער אונ נעפּלדיקער אָוונט. קיסעליאָוו האָט ניט אינ זינענ קיינע ווײַטיקע זאכנ. ער איז געטריי פֿארטאָג מיט זײַנ ארבעט. פּלוצים טוט זיך אים פֿונדערווײַטנס א וואָרפֿ אינ די אויגנ א גרוי-סער זײַל פֿײַער. פֿריער א רויך, דערנאָך א פֿײַער. אינ יעדער ריכטונג פֿונ-וואנענ דער רויך איז נעגאנגענ זײַנענ קיינ אנדערע געבײַדעס ניט געווענ, אויסער זײַנ איינשטאָקיק שטיבל; ווו ס'האָבנ זיך איצט געפֿונענ זײַנ ווײַב מיט ביידע קליינע קינדער. וואָס פֿאר א באטרעפֿ וואָלט בא אים געהאט אינ אנ אנדער רעגע צושפּרינגענ די וואָסערע, טויזנט אָדער צוויי טויזנט שפּאנ אונ א קוק טאָנ, וואָס דאָרטנ טוט זיך. אָבער איצט, ווענ קיסעליאָוו שטייט אפֿ אזא פֿאראנטוואָרטלעכער ארבעט? ניינ, איצט וועט אים קיינ זאך ניט ארֿאָפּטרײַבנ פֿונ זײַנ פּאָסטנ. דער פֿײַער ווערט אלעמאָל שטארקער, דער רויך—געדיכטער. קיסעליאָוו זעט שוינ גוט אפֿנ באלויכטענעם שטיק פּלאצ, אז דאָס ברענט זײַנ שטיבל. וואָס טוענ איצט די ווײַב מיט די קינדער? צי וועט זיך עמעצער ארומקוקנ אונ קומענ זיי צוהילפֿ, אז ארום אינ דער נאָענט וווינט קיינער ניט, ביז א צווייטער שטוב איז עפּעס בא א האלב ווייאָרסט. אונ דערווײַל קומט אָנ, ס'זעט זיך שוינ א פֿראכט-צוג. אונ סעמיאָנ קיסעליאָוו הייבט אופֿ זײַנ קאָליהטע לאמטערנ, ניט אָפּ דעם געהעריקנ סיגנאל-צייכנ. ער טרײַבט אָפּ פֿונ זיך דעם פּײַנ, דעם אומרו פֿאר זײַנ שטיבל, וואָס ברענט אזוי נאָענט פֿאר זײַנע אויגנ. דער פֿראכט-צוג האָט ניט באוויזנ דורכצוגיינ אינגאנצנ, ווי ס'אָנגעלאָפֿנ דער מאָסקווער—שנעל-צוג, אלע וואגאָ-נעס זײַנענ באלויכטנ, ס'שווינדלענ דורך קעפּ מיט פֿענצטערלעך, באלויכטענע פֿענצטערלעך אונ קעפּ. צוויי שאָ—צוויי יאָר זײַנענ דורך, ביז דער צווייטער דעזשורנער, וואָס פֿארבײַט אים קעסיידער, איז געקומענ. קיסעליאָוו האָט אים שטיל איבערגעגעבנ די דעזשורסטווע. אינ האלדז איז אים געווענ איבערגע-טריקנט, ער האָט ניט געקענט קיינ איינ קלאנג פֿונ דאָרטנ ארויסרײַסנ. אונ ער איז אוועק ווי א שיכורער צו זיך אהיים, זיך א ריס געטאָנ פֿונ אָרט אונ איז אוועקגעלאָפֿנ. ווענ ער איז געקומענ צולויפֿנ, איז שוינ אנשטאָט דער שטוב מיט די זאכנ מער ניט געווענ, ווי א פּאות מיט טליִעדיקע אַש. די ווײַב מיט ביידע קינדער האָט ער אָפּגעזוכט פֿאר א האלב ווייאָרסט פֿונ נאָ-ענטסטנ שאָכנ. ווי גליקלעך איז ער געווענ, בעת ער האָט זיי געטראָפֿנ אלע דרײַענ גאנצ. אָבער וואָס טוט מענ ווײַטער. אז ניט קיינ שטיקל ברויט אפֿ עסנ, ניט קיינ געשיר אפֿ אָפּצוקאָכנ עפּעס, ניט קיינ קליידער אפֿ אָנטאָנ אונ ניט קיינ קישנ ס'זאָל זײַנ ואפֿ וואָס דעם קאָפּ אָנצושפּארנ?

— — — — — — — — — — — — — — — —

—פֿארטאָג האָט שוינ די אײַנפֿאנג-פֿארוואלטונג געוווּסט פֿונעם אָפּגעטאָ-נענעם העלדנ-מאָט. קינד אונ קייט האָבנ וועגנ דעם גערעדט. מענטשנ האָבנ באוווּנדערט אונ מעקאנע געווענ דעם העלד. הונדערטער הערצער עלטערע אונ קינדערשע האָבנ זיך אינ דער פֿאנטאזיע צוגעטאָפּטנ צו דעם אָ מאָט אונ זיך געוואָלט פֿארשטעלנ, וויאזוי וואָלטנ זיי זיך באנאנגענ אינ אזא פֿאל. פֿאר

אלעמענ איז געווענ קלאָר, אז נאָר אזוי האָט עס געמוזט געשעענ ווערנ. ווי קיסעליאָוו האָט עס געטאָנ, אָבער צי וואָלט בא יעדערנ פונ זיי געקלעקט מוט דערויפ, אונ קלאָרער באוווסטזיינ פונעם פראָלעטארישנ פליכט?

גאנצפרי איז אָפ א דרעזינע געקומענ צופאָרנ דער געהילפ-דירעקטאָר פונעם קורסקער אייזנבאנ אונ געבראַכט קיסעליאָוונ א דאנק-בריוו, וואָס דער דירעקטאָר — כאווער פעטריקאָווסקי — האָט אָנגעשריבנ. מענ האָט דעמ כ׳ קיסעליאָוו ארויסגעגעבנ [illegible] רובל צייט-ווייליקע הילפ. דער נאטשאלניק פונעם ראיאָנ האָט באַקומענ א באפעל, אז אינ משך פונ [illegible] טעג זאָל אויפגעשטעלט ווערנ פונ כאווער קיסעליאָוונ מיט זיינ געזינד א דירע, נאָר א בעסערע ווי די, וואָס איז אָפגעברענט געוואָרנ. ס׳זיינענ באשטעלט געוואָרנ [illegible] אנשטאַלטנ צו באזאָרגנ דעם כאווער קיסעליאָוו מיט [illegible], מיט [illegible] אונ מיט שפייז.

דער כאווער קיסעליאָוו איז געווענ זייער [illegible] פונ דעם אלעמענ אונ האָט אָנגעשריבנ א בריוו אינ „פראַוודע“, מיט וועלכנ מיר זיינענ שוינ באַקאַנט. אונ איצטער וואָגנ מיר [illegible] אלע [illegible]: וואָלנ לעבנ אוועלכע העלדנ—שלאַגלער, ווי דער כאווער [illegible] קיסעליאָוו אינ אלע עקנ פונ אונדזער גרויסנ, ברייטנ [illegible]:

---

# דער שיפער



אינ די בלעטער האָט מענ דאַפקע געשריבנ וועגנ דעם געוויסער אַפ טורכאַנאָווער אינדזל, וויאַזוי דער דניעפּער צעפלייצט זיכ, די וואַסער הייבט זיכ אונ קומט צו, וויאַזוי דער שטאָטראַט העלפט די אײַנוווינער זיכ איבער-קלײַבנ אונ ראַטעווענ זייער פאַרמעגנ אַפ שיפלעכ. אַלצ האָט מענ געשריבנ אונ פונ זשעניעס האָט מענ גאָרניט געשריבנ. קינדער וואָס קענענ זשעניקענ אונ וואָס לייענענ א בלאַט, וואָלטנ אַלצ געוווּסט, ווענ זיי לייענענ איבער די גאַנצע זײַטע.

זשעניעס ווערט שוינ אָטאָ דרײַ יאָר. בא אים איז א קירפּאַט פּאַריסנ נעזעלע אונ אַז ס'איז אויסגעשטירט מיט עפּעס, דוכט זיכ איטלעכנ, אַז די לעכעלעכ פונ נאָז קוקנ בא אים נאָר אַרופ־צו. נאָר דאָס איז גאָרניט. ער קענ זינגענ שיינע לידער „איינס, צוויי, איינס, צוויי, דרײַ" אונ „שטילער, כאַ-ווייריט, די היטלענ אַראָפּ". איז דאָס אויכ פונ די קליינע זאַכנ. וואָס איז יאָ אַפּיסל ניט גוט? אָט לאָמיר אײַכ אויסזאָגנ, וואָס ס'איז ניט אינגאַנצנ גוט: ס'ניט נומ; וואָס די מאַמע אונ כאַריטינע (די הויז-אַרבעטערנ זייערס) האָבנ זיכ געמאַכט א מאָדע אים צו פאַרשליסנ איינעם אַליינ אינ שטוב אַפ גאַנצע טעג. די מאַמע דאַרפ אוועקגיינ פיר מאָל אינ פינפ טעג אַפ דער אַרבעט אונ כאַריטינע—די הויז-אַרבעטערנ זייערס—דאַרפ אוועקפאָרנ ווײַט אינ קאָאָרטינ

אריינ אָפּגעמוען „פּאיאָק". נעמט מען און ט׳פאַרשליסט זשענקען איינעם אליין אין שטוב, און מ׳זאָגט נאָך אים אָז ער זאָל ניט וויינען.

וועד קלערט. דען וויינען? זשעניע, מיינט איר, וועט זיך צעיאָגן וויינען? אָטאָ באלד!

ער זינגט לידער, שטעלט צונויף פון גאלקעס מיט שייטלעך האָלץ גרויסע שיפן און קליינע שיפן. אויב עמעצער טוט א קלאַפּ אין טיר, מעג קוסען א ציג פון יענער זייט וואנט און א סטוקע טאָן ניט ווילנדיק מיט די הערנער. לעך, האָט ער ניט מוירע און שרייט באלד אויס: פּ א פּ א א נ ע נ ע נ א ד י ע! (דאָס דייסט דער טאטע איז אין לעניגראד—זיין טאטע איז א קאָמאנדיר און מ׳האָט אים מאקע אוועקגעשיקט קיין לעניגראד זיך לערנען), מ א מ א פּ אָ ס ל א נ א ל א פּ אָ ט ו! (די מאמע איז אוועק אף דער ארבעט), כ א ל י. ט י נ א פּ אָ ס ל א וו ק א ז א ל מ ו (כאריטינע איז אוועק אין קאזארמע), ד וו ע ל י ז א מ ק נ י, י א ס א ם א ד י נ ד אָ מ א א-א-א (די טיר איז פארשלאָסן, און איך בין איינינקער אליין אין שטוב). און אזויווי זיי זיינען געזעסן אף טרוכאנאָווער אינדזל זייער נאָענט צום וואסער, פלעגט ער זייער ליב האָבן שיפלעך. ער פלעגט נעמען צוויי שטעקנס פאר רידערס, די מולטער— פאר א שיף, זיך אוועקזעצן אי‍ ‍ן שטוב אין מולטער און ער מאכט זיך, אז ער פאָרט.

---

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פרילינג. דער אייז איז אוועק. דער טייך האָט זיך צעגאָסן גאָרניט אזוי שטארק, ווי מ׳האָט זיך גערעכט. זייער גוט. מ׳גרייט זיך שוין אלע צו באגעגענען דעם ערשטן מיי. זשעניע גרייט זיך אויך אלע טעג. ער האָט איינ קאָסטיום א מאטראָסנעם און אייגעם א „קאָמאנדירסקן". וויל ער בעסער אָנטאָן דעם מאטראָסנעם, ווייל ער וויל זיין א שיפער.

די מאמע און כאריטינע לאָזן אים איבער, ווי געוויינלעך, אף לאנגע שטונדן אין שטוב. דער טאטע דארף קומען צום ערשטן מיי, איז ער נאָך דערווייל ניטאָ. אין איינעם א פרימאָרגן קוקן זיך די טרוכאנאָווער אינזווינער אום—ע-הע! דער טייך הייבט זיך... די וואסער פארגיסט די גאסן, די הויפן... מיילע... די טרוכאנאָווער איינוווינער ריכטן זיך אלע יאָר אף אזעלכע זאכן. און דערפאר שטייט מאקע קימאט לעם יעדער שטוב א שיפעלע צוגעבונדן. און אסאך הייזער זיינען דאָחטן אומיסטן געבויט אף הויכע פאליעס: מאָסער צעגיסט זיך דער דניעפּער, וועט די וואסער אומשווימען און זיך שפּילען צווישן די פאליעס—צום שטוב אָבער וועט זי ניט דערלאנגען. וועמעס שטוב ס׳שטייט ניט אף קיין פאליעס, האָט ער אָן אויבער-שטיבל, אָדער א גוטן בוידעם. מאָסער עפּעס, כאפּט מען זיך אין דער גיך ארויף אפן אויבער-שטיבל, ט׳טראָגט אריבער אהין זאכן, וואָס האָבן מוירע פאר וואסער: ווי דאָס בעט-געוואנט, די ביכער, די מאלבושים, די ציבעלעס, די שוועבעלעך, די קיילים. וועד ס׳האָט א בהיימע, אָדער א ציג, צי א כאזער שלעפּט מען עס אויך אפן

בײדעס. איר לאכט? לאכט ניט! מ'פירט זײ ארופ איבער ברײטע טרעפ אַלײנע. שטײענ זײ דארטנ פונ אויבנ און אז מ'גיט זײ עסנ—עסנ זײ. װײנענ? בא אסאכ הײזער שטײענ נאָכ די ציגנ, מיט די כאַװײרים אפנ באלקאָנ. די מענטשנ, װאָס שטײענ פונ יענער זײט בריק און קוקנ אינ די בינאָקלענ, װי די װאסער שטארקט זיכ, װי ס'שװימענ ארום אָנ א שיר שיפעלעכ איבער די גאסנ און פונ אײנ שטוב צו דער צװײטער, אז זײ דער-זעענ די ציגנ שטײענ װי דאטשניקעס אפ די באלקאָנענ, פלאצנ זײ אויס מיט א געלעכטער און נעמענ אהינ װײזנ מיט די פינגער. אָבער די ציגנ הײבט עס נאָר ניט אָנ צו ארנ. אבי זײ זײנענ געשיצט פונ דער װאסער-געפאר און די בנ. ובאטים האָבנ זײ באצײטנס באװאָרנט.

יאָ. װאָס זשע דערצײל איכ אײכ? אז אויכ איצטיקס יאָר—כמעט אפרעל—איז פלוצים אינ אײנעם א שײנעם און זוניקנ פרימאָרגנ געװאָרנ אפנ אינדזל אנ אויפכאפעניש. די װאסער האָט זיכ גענומענ גרויסנ און טראָט נאָכ טראָט פארכאפט זי די טרוקענע ערטער. פונ בריק גײט זי צו די גאסנ. פונ די גאסנ אינ די הויפנ, פונ די הויפנ—אינ די גערטנער, פונ די גערטנער—אינ די שטאלנ. איצט זעט מענ שוינ ניט צי ס'איז א הויפ, אָדער א סאָד, מ'זעט נאָר, אז ס'איז א טײכ און אינ טײכ שטײט א פלויט. ס'איז א טײכ און אינ טײכ שטײענ בײמער. יאָ, יאָ. די טעלעפאָנענ האָבנ זיכ צעקלונגענ אינ שטאָט ארײנ, אינ די אנשטאלטנ און דעריקער צום שטאָטראט. דער שטאָטראט האָט ארויסגעשיקט מענטשנ אפ געבנ הילפ. פריער פונ אלצ די קינדער-הײזער, די שולנ, די זאװאָדנ און נאָכדעם די איבעריקע אײנװױנער. די אײנװױנער פונ טרוכאנאָװער אינדזל אלײנ זײנענ אויכ ניט קײנ פארשלאָפענע, מ'יאָגט אפ די שיפלעכ, מ'לויפט און מ'האָװעט, מ'כאפט ארויס פונ דער װאסער זאכנ, די װאסער זאָל זײ ניט אװעקשלעפנ. נאָכ גיט, זאָגנ זײ, װאָס כאטש האָט זיכ עס אָנגעהויבנ און ניט באנאכט.

װענ-זשע איז דאָס אלצ געװעט געװאָרנ, אז אומעטום זײנענ דאָ מענטשנ, װאָס קענענ עפעס טאָנ. ניט קײנ גאָלע קינדער, און דערצו זײנענ זײ נאָכ ניט פארשלאָפנ. װאָס זשע זאָל אָבער טאָנ אזא זשעניע, אז ער איז נאָכ אינגאנצנ א קלײנער און זײנ אויסגעשפירטע נעזל קוקט אויס, װי ס'קוקט נאָר מיט לע-בעלעכ ארופ, און אזוי װײטער און אזוי װײטער... טוט ער מאכנ גאָרניט. װאָרטעט ער װײס נאָכ פונ גאָרניט. ער זעט, אז ס'איז אינ שטוב א זװעליע. פאר-גלוסט זיכ אים זײנ קעסײדערדיקע גלוסטונג— צו זײנ א שיפער און זעט: ער זיצט שוינ אינ מולטער מיט צװײ שטעקנס אינ די הענט פאר רודערס, און ער מײנט,אז ער שיפט זיכ.

אז די װאסער ארום האָט דורכ די שפאלטנ פונ טיר און פונ שװעל גענומענ זיכ ארײנצוזײענ אינ שטוב ארײנ, האָט זשעניקע מכילעס אפילו דערשראָקנ זיכ, נאָר טײקעף איז אפ אים אָנגעפאלנ א פרײד מיט א געלעכטער—א, א װאסערל, װאסערל! און ער האָט גענומענ ארבעטנ שטארקער מיט די שטעקנס אינ

קלאַפּנ מיט די פיסלעכ איבער דער מולטער, איצט וועט ער שוינ זיכ טאַקע שלאָפנ אַפ דער עמעס!

ס'האָט קיינ שאָ נימ געוועדט, ווי די שטוב האָט זיכ אָנגעגאָסנ ביז א פערטל מיט וואַסער. זשעניעס מולטער האָט זיכ אופגעהויבנ, ווי אַנ עמעס שיפל, אונ זיכ גענומענ שיפנ איבערנ שטוב—פונ אויוונ צומ באַנק אונ פונ באַנק צומ ווינקל, צומ טיר, צומ בעט. זשעניע ווערט נימ מיד. ער שרייט, ער קאָמאַנדעוועט. אונ נימ ער איינער שווימט. ס'האָבנ זיכ אופגעהויבנ די שטעד אונ שוויסנע, דאָס קאָרעטקע שווימט, א פּאָר שײַטלעכ האָלצ, וואָס זײַנענ געלעגנ לעמ אויוונ, שווימענ. ס'שווימט אונ אַנ עק.

אַרומ פיר אזייגער ערשט, אַז זשעניעס מאַמע איז געלאָפנ פונ זאַוואָד צומ דניעפּער אַפ איבערפאָרנ מיט א מאָטאָר-שיפל אַהיימ, האָט זי דערזענ ערשט א בילד. מענטשנ פונ דער גאַנצער שטאָט שטייענ אַפ דער-זײַט דניעפּער אונ ס'קוקט צומ אינדזל צו. דער אינדזל איז פאַרגאָסנ מיט וואַסער, די הײַזער פלויטנ, די ביימער שטייענ ביז האַלב עפּשער אינ וואַסער. דאָ האָט זי פאַרבראָכנ ביידע הענט אונ דערלאַנגט א געשריי. האָבנ זיכ אַלע אַרומיקע דערשראָקנ אַפ איר קוקנדיק.

ס'זײַנענ צו איר צוגעלאָפנ מענטשנ, ס'פרעגט זי וואָס איז, וועד איז, קענ זי זיי אַפילע נימ ענטפערנ. זי ווײַזט זיי נאָר אַהינ—צומ אינדזל צו, איר פּאַטעמ מיט די ליפּנ ענדערנ זיכ פאַר איטלעכנ אינ די אויגנ אונ זי איז שוינ בלייכ, ווי א טוכ.

צוויי דזעזשורנע פונ דער רעטונג-קאָמיסיע, אַז זיי האָבנ דערזענ, ווי דאָס ווײַבל רײַסט זיכ צו יענעמ ברעג, זײַנענ זיי גלײַכ צוגעשוואומענ צו איר מיט א שיפל. זאָל זי פאָרנ מיט זיי אונ ווײַזנ וואוהינ זי רײַסט זיכ עמ אזוי. אַז זשעניעס מאַמע האָט דערזענ דאָס שיפל, איז זי גלײַכ אַרײַנגעשפּרונגענ אַהינ, זיכ אַליינ מיט איטפעט א נעמ געטאָנ יצו די רידערס. דאָס שיפל גליטשט זיכ איבערנ ברייטנ שטראָמ. אַלע שווײַגנ, מ'קוקט נאָכ איר נאָכ פאַרטאַפט, אונ בא איר פונ האַרצנ רײַסט זיכ אַלע מאָל אויס א פאַרשטיקט געשריי „אוי מײַנ קינד!.. אוי, ווו איז איצט מײַנ קינד?!“

אַרײַנגעפאָרנ צווישנ די גאַסנ. מענטשנ האַלטנ דאָרטנ אופּ אונ אָפּ. אַפ די באַלקאָנענ שטייענ קליינע קינדער, ציגנ, אויפעס; הינטלעכ; כאַזיירימ. מ'שטייט אונ מ'קוקט אַפ דער אויסגעשפּרייטער צעגלאַנצטער וואַסער אונ זשעניעס מאַמע איז שוינ בא זיכ אינ הויפ. דאָס שיפל האָט מיט איטפעט דערלאַנגט א זעצ אינ טיר, וואָס מיטנ גרויסנ שלאָס אינ דרויסנ. אַז זשעניע האָט דערהערט דעמ זעצ אינ טיר, מיינט ער אַז א פרעמדער מענטש רײַסט זיכ אַהער, שרײַט ער אויס, ווי זײַנ שטייגער איז: פּאַפּאַ נעגעגנאַדיע!... מאַמאַ פּאָסלאַ נאַ לאַ... מ... כאַליטינאַ פּאָסלאַ וו קאַזאַלמו. ווועלי זאַמיקנ נימאַ גיקאָיומענקאַ דאָמאַ! אַז זשעניעס מאַמע האָט דערהערט דעמ קינדס קאָל, האָט זי געגעבנ א פּלעסקע מיט די הענט פאַר פרייד, זי וויל אָפּשליסנ גיכער די טיר אונ דער שליסל פאַלט בא

איר פֿונ די הענט. האָבנ שוינ די יונגעלײַט, וואָס זײַנען מיט איר געזעסנ אינ שיפֿל, געכאַפּט אונ אָפּגעשלאָסנ די טיר, וואָס זי איז ביז האַלב געשטאַנענ אינ וואַסער. אַז די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָבנ אַנטקעגנ זיי אַרויסגעשווומענ אַ פּאָר שנײַטלעכ האָלצ. ס'האָבנ אַרויסגעשווומענ צוויי עמער מיטנ קאָרעטע אונ ס'האָט גענומענ שווימענ צום טיר די מולטער. זיי טוען אַ קוק: עס ליגט זשעניע אינ מולטער, די פּיס צעשפּרייט, אונ ער קנאַקט אַ ליד אינ איינ אָטעם, אַז פּאַפּאַ וו געטנאָדיע, מאַמאַ האָרטנ אונ דאָרטנ, אונ אַזוי ווײַטער.

די מאַמע האָט אים אַרויפֿגעכאַפּט אַפֿ די הענט אונ אים גענומענ קושנ. די יונגע-לײַט האָבנ אַרומגעכאַפּט די ביסל שטוב-זאַכנ אַפֿנ שיפֿל צו זשעניען מיט דער מאַמען אונ זײַנענ מיט זיי אַוועקגעפֿאָרנ צו איינעם פֿונ די רעטונג-פּונקטנ.

אָט דאָס איז אײַנגאַנצנ די מעשׂה אונ אינ בלאַט האָט זיך פֿונ דעם גאָרניט געשריבנ.

# א שיינער ווינטער

איינמאָל, באַם אָנבײַסן, רופֿט זיך אָן די מאַמע:

— הײַנט איז אַזאַ שיינער ווינטער אויסגעפֿאַלן, מאַמעש א מעכײַע.

— אַן אַנטיק אַ ווינטער! — האָט איר דער טאַטע געענטפֿערט.

און מישקע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס קען זײַן אַ ווינטער שיין אָדער מיעס. ס'איז ווײַס אינדרויסן, ס'איז קאַלט און מע קען זיך שליטלען און גליטשן. איז עס אַלע ווינטער אַזוי. דערפֿאַר זומער קען מען אַרויסגיין באָדן און מע קען זיך באָדן, וואָס ווינטער איז גאָר אַ שרעק פֿון דעם צו קלערן.

איינמאָל אין אַ שיינעם דינסטיק באַטאָג. מישקע איז געקומען צו גיין אין שול, ווי אַלעמאָל, אויף דער צווייטער וואַכטע. ער זעט עפּעס אויף די טרעפּ איז שטיל, אין די קאָרידאָרן שטיל. און ער ווייס ניט, וואָס איז עס, ביז ער האָט באַגעגנט די אופֿראַמערן. און נאָכדעם, ווי זי האָט אים פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט, האָט ער זיך ערשט צעלאַכט: טאַקע דעם ערשטן מאָל, אַז ס'טרעפֿט זיך מיט אים אַזעלכעס, ער זאָל פֿאַרגעסן, אַז ס'איז הײַנט אַן אַרויסגאַנג-טאָג און איז געקומען מיט די ביכער און מיטן גאַנצן קלאַפּער-געצײַג אין שול אַרײַן.

מישקע האָט זיך אומגעדרייט אַביסל איבער די ליידיקע קאָרידאָרן. פֿאַר דער גאַנצער צײַט זעט ער דאָס ערשטע מאָל, די שול זאָל זײַן אַזוי ליידיק און אַזוי טויב. דאַרף מען גיין.

מישקע האָט זיך אומגעדרייט אַביסל איבער די ליידיקע קאָרידאָרן. פֿאַר דער גרויסער טיר, אַזוי איז ער געבליבן שטיין.

פֿאַראַ מין שניי עס איז אינמיטנדרינען אַוועק! אוי, אַ שניי! ס'איז ווײַס, אַז מע קען די אויגן ניט עפֿענען. צום אַלעם ערשטן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס איז ניט גוט אַרויסצוגיין איצט אין גאַס. אָבער ווי ער איז אַרויס און דער שניי מיט דעם גוטן דרויסן־האָבן אים אַרומגענומען און אַרומגעהילט, איז אים ערשט געוואָרן גוט אויפֿן האַרצן. ער גייט, און דער שניי גייט נאָכער — ער גייט פּאַמעלעכן, און דער שניי האָט אויך גענומען גיין פּאַמעלעכן. און ס'איז ליכטיק, און ס'איז ציכטיק, און מענטשן זײַנען דאָ אין גאַס ווינציק. מישקע עפֿעטעס אַרײַן אין זיך די פֿרישקייט. דער שניי לאָזט זיך אַראָפּ פֿונויבן

און ער שפּרייט זיכ אפ דער ערד, ווי א פֿאָרהאַנג, א טיולענער. ניינ ניט ווי א פֿאָרהאַנג, נאָר ווי אָנגעבראָקטע, אָנגעפּליקטע שטיקלעכ וואטע אסאַכ.

וואטע—וואטע. פּוכ—פּוכ.

אָבער וואטע צעגייט דענ אזוי שיינ איבער דער ליפּ, ווי דאָס-אָ? וואטע, אז דו נעמסט ארײַנ אינ מויל, איז זי גאָר האָריק, ניט געשמאַק. און דאָס איז געשמא-אַק!

מישקע שטעקט ארויס די צונג און נעמט אופֿ עטלעכע שנייעלעכ, וואָס אינ איינ אויגנבליק ווערט פֿונ זיי אויס שניי. ניינ, עס איז ניט קיינ וואטע, ס'איז „מאַראָזשענע", געשמאַקע „מאַראָזשענע"!

מישקע האָט זיכ אזוי פֿאַרטאָנ מיט די אלע זאַכנ, אז ער האָט ניט באַמערקט, ווי אָטאָ איז שוינ זײַנ הויפֿ. און אהיים גיינ אזוי פֿרי גלוסט זיכ אים דאָכ נאָכ ניט. הייבט ער דעם קאָפּ אהער, אהינ——פּלוצים—טראַכ! א שניי-קויל האָט אים געטראָפֿנ אונטערנ סאַמע אויער.

— א!.. נאס — — — —

ער דרייט זיכ אויס, ערשט ס'איז מארינקע, זי שטייט צוגעטוליעט צו דער וואנט פֿונעם 28 נומער, און זי באַהאַלט זיכ, ער זאָל זי ניט דערזענ. עפּשער וואָלט ער זי טאַקע ניט געוועג דערזענ, ווענ ניט איר ברודערס, אָדער דער שוועסטערס שטיוול, אינ וועלכע זי איז געשטאַנענ אפֿ באָרוועסע פֿיס. נו, האָט זי טאַקע מישקע דערזענ. ער האָט אראָפּגעלאָזט פאַטעלעכ. דאָס רענצל אפֿנ שניי און... ער האָט זיכ אָבער נאָכ ריכט ניט אָנגעבויגנ, ווי מארינקע האָט שוינ געיוגעט, וואָס ער וויל טאָנ, און זי האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסנ, אז אויב זי וועט זיכ טייקעפֿ ניט כאַפּנ פֿאַרטיידיקנ, וועט שוינ דערנאָכ זײַנ שפּעט און שניי-הויפֿנס מיט שניי-קײַלנ האָבנ גענומענ פֿליענ אפֿ מישקענ פֿונ אלע זײַטנ.

— ע—מאַכט מישקע,—אויב דו ביסט שוינ טאַקע יאָ אזא?..

און ער האָט זיכ שוינ אויכ אביסל א ריר געטאָנ.

אינ גאַס איז שטיל. קיינער פֿאָרט ניט דורכ. קיינער גייט ניט דורכ. די קינדער האָבנ זיכ אזוי פֿארשפּילט, אז זיי הערנ שוינ ביכלאַל פֿאַר זיכ קיינ וועלט ניט, פֿונוואַנענ פֿונ וו איז נאָכ געקומענ צו לויפֿנ אהער פֿאַר א דריטנ קנאָפּאָטשקע—מישקעס הינטל, א ווײַסינקס און א דירעוודיקס. מארינקע שרײַט:

— קנאָפּאָטשקע, אהער! מיר דאַרפֿסטו העלפֿנ!

לויפֿט קנאָפּאָטשקע צו איר.

און אז מישקע טוט צו אים א כמאַטשקע מיט די ליפּנ, קערעוועט ער זיכ אויס און יאָגט צו אים. ער יאָגט מיט זײַנ ווײַסנ פּוכענעם טוליפּל און מיט אנ ארויסגעשטעקט צינגל פֿונ מארינקענ צו מישקענ און פֿונ מישקענ צו מארינקענ, און ער האָט גוואַלדיק האַנאָע פֿונ דער ווײַסער פֿרישער וועלט.

דער שניי שיט, און די קינדער קוילנ און קײַטשענ זיכ אינטער פֿאַר פֿרייד! דערנאָכ זאָגט מארינקע, אז זי קענ מאַכנ מענטשנ אינ שניי. ניט קיינ באַבעס, ניינ, אָבער וועט זי אים באַלד ווײַזנ. און זי וואַרפֿט פּלוצים אים

# וואָס קינדער אוג וואָס
# געמיינט

## 1. ארויסטרײַבנ די קעלט

ווינטער, אינ די סאמע גרויסע קעלטנ, זיצט איינמאָל בערעלע פא זייער פארפרוירענעם פענצטער, ער וויל ארויסקוקנ דורכ א טאָפליעלע צום דרויסנ ארויס, נאָר סע איז אלצ פארפרוירנ; אז מע זעט ניט גאָרניט. ער, בערעלע אליינ, איז אויב פארפרוירנ אז סאקאָנעס. די הענט בלויע, פארפרוירענע; די נאָז א בלויע.

דערזוייל דערהערט בערעלע, ווי די מאמע רופט זיכ אָנ צו דער עלטערער שוועסטער צו זעלדער:

— ווענ דו פוילסט זיכ ניט, מיכליע, ארייננכאפנ פנ שטאל א בערעמאָק האָלצ וואָלטנ מיר אביסל ארויסגעטריבנ די קעלט פנ שטוב.

אָט דאָס דערהערט, האָט זיכ בערעלע זייער דערפרייט:

„איי, איי, אָט דאָס איז פיינ!—קלערט ער צו זיכ אליינ.—סע דארפ זי אביסל אָנלערנענ די קעלט, וועט זי וויסנ, זוויאזוי דערגיינ איטלעכנ אינ די יאָרנ".

אזוי, אז בערעלע זעט, ווי מענ שלאָגט עמעצנ, אָדער מענ טרייבט עמעצנ, איז ער דאפקע אינ קאס. ער האָט עס ניט ליב. נאָר איצט, אויב די מאמע וועט טאקע טענענ וטלעכע שײַטלעכ האָלצ אונ נעמענ דער קעלט איבערנ קאָפ, זעט זיכ בערעלע טעכײַע זײַנ, דערפאר, ווײַל שוינ זינט עטלעכע וואָכנ, אז ער קענ ניט ארויסשטעקנ די נאָז אינדרויסנ ארויס, וואָרעם אינדרויסנ טאקע: בערעלע איז נאָכ אזוי קליינ, אונ די קעלט איז אזוי גרויס, אזוי אײַנגע-נעמענ—א שרעק.

ס'זיינענ אוועק פינפ מינוט אונ צענ. דאָס האָלצ, וואָס מיכליע האָט א וואָרפ

נעמטאָנ מיט א טראסק פֿאר דער הרובע, ווערט ביסלעכווײַז פֿארשווונדנ אינ הרובע ארײַנ.

דאָס פֿײַער ברענט, דאָס האָלצ קנאקט פֿריילעכ אונטער — אינ שטוב איז געוואָרנ ווארעמ א מעכײַע. אָבער בערעלע איז אומצופֿרידנ. ער האָט נאָכ גע- וואַרט אָפֿ עפּעס אַנדערש. ער האָט געמיינט, אַז ארויסטרײַבנ די קעלט הייסט צעעפֿענענ אלע טירנ צום דרויסנ ארויס, זיכ אומיאָגנ מיט גרוי- סע שײַטלעכ האָלצ איבער דער שטוב אונ שרײַענ צו דער קעלט: „אהוטש! ארויס פֿונדאנענ, אריבער נימ, ברעכנ מיר דיר די ביינער!"

צומ סאָפֿ...

איז דאָ גאָרנים ניט געווענ.

## 2. ס'שיט א בלאָטע

באלד, באלד קומט שוינ דער פֿרילינג. ס'מאכנ זיכ שוינ גאנצע באטאַגנ, ווענ די זונ שײַנט אינדרויסנ אונ וואַרעמט און די פֿריזבע, און די ווענט פֿונ שטוב, און אייניקע אָפּגעטאָענענע ערטער אָפֿ דער ערד. בערעלע איז פֿריילעכ, וואָרעמ ער האָט זיכ שוינ זייער פֿארבענקט נאָכנ דרויסנ.

איינמאָל כאפּט זיכ בערעלע אוֹפֿ אינדערפֿרי, אינ שטוב איז טונקל — א כמארנע א גאנצע. פֿארנ פֿענצטער אינדרויסנ ציט זיכ אונ לאָזט זיכ אראָפּ א ווײַסע פּעלענע א געדיכטע.

בערעלע טוט זיכ א ציִ פֿונ שלאָפֿ אונ הערט, ווי די מאמע מורמלט אומצופֿרידנ:

— אָט דאָס שיט שוינ פֿונ פֿרימאָרגנ די עטעסע בלאָטע!

בערעלע האָט נאָכ קיינמאָל נימ געזעענ, ס'זאָל שיטנ פֿונ הימל א בלאָטע. ס'שיט אמאָל א שניי, ס'גייט א רעגנ, ס'שמײַסט א האָגל, נאָר א בלאָטע זאָל זיכ שיטנ פֿונ פֿונויבנ — דאָס הערט ער דאָס ערשטע מאָל. ער האָט גיכ אָפֿ זיכ עפּעס ארופֿגעכאפּט אונ איז אװעקגעלאָפֿנ צומ פֿענצטער. וואָס ווײַזט זיכ ער דאָרט?

אינ דרויסנ איז טאקע כמארנע, אונ ס'שיט א גרויסער, א פֿײַלער שניי. טאקע גאנצע שטיקער דרילינג. אָבער ס'האָב פֿאָרט א שניי, אונ נימ קיינ בלאָטע! —

ערשט אָפֿ מאָרגנ האָט בערעלע געזעענ מיט זײַנע אייגענע אויגנ, וויאזוי די זונ איז ארויס, דער שניי איז צעגאנגענ, די מענטשנ האָבנ צעקנאָטנ אָמ די אָ נעצ, אונ ס'געוואָרנ א טיפֿע, טיפֿע בלאָטע אינ שטעטל.

געקומען איז געווענ רי מאמע. ס'איז גימ געגאנגענ קיינ שניי, ס'איז געגאנגענ א בלאָטע א גרויסע.

אָבער דער פֿרילינג איז דאָך אזוי פֿריילעך. ער נעמט זיכ פֿונ גאָרניט צום הארצנ. ער לאכט, דער פֿרילינג, פֿונ אלע שפּארונקעלעך. מיט אַנ א שיר זונ, מיט גוטנ ווינט און מיט שניי... די בלאָטע איז גיך אויסגעטריקנט געוואָרנ. בערעלע שפּילט זיכ שוינ א באָרוועסער אינדרויסנ און הערט די בלאָטע מיטנ ווינטער, ווי דעם פֿאראיאָריקנ שניי.

## 3. דאָס גייט ברויט

בערעלע האָט נאָך ניט געהאט קיינע שום זאָרגנ. ער פֿלעגט זיכ שפּילנ אינ הויף אָדער אינ גערטל, אָדער הינטער דער שטוב, אמאָל אליינ און אמאָל מיט עמעצנ. אזוי לאנג, ביז ער פֿלעגט זיכ שוינ גוט-גוט אויסהונגערנ, ערשט דאנ פֿלעגט ער ארײַנלויפֿנ אפֿ א רעגעלע אינ שטוב ארײַנ, עפּעס איבערכאפּנ און— גלייך צוריק אינדרויסנ ארויס.

איינמאָל האָט ער געמאכט הינטער דער שטוב אנ אויוונ פֿונ זאמד. טאקע אזוי, ווי אנ עמעסע אויוונ. ער האָט ארײַנגעשטעקט פֿונ ױבנ א שפּענדל פֿאר א קוימענ, און אינעווייניק האָט ער אָנגעלייגט שטרויעלעך פֿאר האָלצ. אָבער ער האָט זיכ ניט ארומגעקוקט, ווי ס׳פּלוצים אראָפּגעפֿאלנ א רעגנ און גענו-מענ שווענקענ אי אים, אי דעם אויוונ. טיילע ער... ער האָט זיכ נאָר אָפּגעזעצט, קענ ער שטיינ דאָ אונטער דער סטריכע און זיכ טריקענענ דערווײַל. אָבער דער אויוונ? דער אויוונ איז צעשוועמט געוואָרנ, אז ס׳פֿונ אים גאָרניט גע-בליבנ. דער שפּענדלדיקער קוימענ איז אוועקגעשווומענ, די שטרויִקע האָלצ— אויכ. בערעלע האָט געוואָלט שוינ אוועקוואַרפֿנ דעם אויוונ, פֿארקאטשענ די קאלאָשעס און מאכנ א טײַכ איטמיטנ דרויסנ, האָט אָבער פּלוצים געגעבנ א שנײַט אינ די אויגנ אזא בליצ, אוי, א בליצ! דער גאנצער דרויסנ האָט זיכ צעשפּאָלטנ פֿונ דער גאלעכטעם גאָרטנ ביזקעלע ווייער שטוב עפּשער אפֿ צוויי שמיקער, דערנאָך האָט א הרימע געטאָנ איבערנ סאמע קאָפּ בײַ אים: קר-ר-ר-טאר-טאך-טאך-טאך, און דער רעגנ האָט גענומענ פּליוכענ, ווי פֿונ א צעבער.

— בערעלע, ווו-ביסטו? גיכער לויף אהער!—האָט בערעלע דערהערט דורכנ געעפֿנטנ פֿענצטער.

בערעלע האָט צעעפֿנט ביידע אויגנ און זיכ פֿארכידעשט, וואָס אלצ איז אזוי נאָענט—אי די שטוב, אי די מאמע, אי דאָס אָפֿענע פֿענצטער. ער האָט זיכ, ווי אנ עמעס בערעלע, איבערגעקאטשעט איבערנ פֿענצטער-שוועל—און גלײַך צו דער מאמענ אינ די אָרעמס ארײַנ.

— אוי-הוי-הוי-אוי!—האָט זיכ בערעלע געכריוקעט און זיכ ניט געקאָנט אָפּ-בידעשנ פֿונעם צעבוימטנ, צעמישטנ געדיכט-געשוואָרענעם דרויסנ...

אָבער די מאמע האָט זיכ געפֿרייט מיט בערעלענ. זי האָט זיכ געפֿרייט מיטנ דרויסנ. זי האָט געפּליעסקעט בערעלענ מיט ליבע און מיט געלעכטער.

בעריִלע האָט געכריוקעט בא איר אפ די הענט, און די מאמע פליעסקעט אים און זינגט צו:

— אָט דאָס אָ גייט ברויט מיינ זונ. ס׳וועלנ שוינ זיינ פלעצלעכ; ס׳וועלנ זיינ הרעטשאניקעס, בייגל און קיכלעכ... ס׳גייט ברויט, מיינ זונ ס׳גייט ברויט!

אָט האָט האָט שוינ בעריִלע גאָרניט ניט פארשטאנענ, וואָרעם אים וואָלט מענ יעם דארפנ צו לאנג הערציילנ, אז אפ די פעלדער גיסנ זיכ אָנ די טוויִעס פונ דעם זאטנ רעגנ, וועט זיינ א גערעטעניש, וועט מענ שניידנ, דרעשנ, פירנ זעק אינ מיל אריינ, דערנאָכ וועט מענ די מעל זיפנ, ראָשטשעווענ, קנעטנ און באקנ, וועט זיינ ברויט. מיט אלע גוטע זאכנ. יאָ, יאָ, בעריִלע—אָט דאָס אָ גייט ברויט.

---

# דער לייפערס אייניקל

פֿאַרנאַכט האָט פּערעלע געגעבן די טויבן עסן און גערעדט צו זיי· קעסיידער פֿאַרנאַכט און אינדערפֿרי, ווינטער, אַז פּערעלע גייט אַרום פֿאַרט שוועל און שיט אויס די טייבעלעך קאַשע, פֿאַרבליבענע פֿונעם עסן, אָדער אָנגע־זייקטע שטיקלעך ברויט, אָדער קערנער, גייט זי ניט אַוועק, ביז די טייבע־לעך פֿליִען זיך ניט צונויף אַלע און עסן ניט אויף ביז אַ פּיצל. און אויב זי קלערט עפּעס פֿון אַ נייטיקער זאַך, רעדט זי צו די טייבעלעך אַזוי, ווי סע רעדט צו אַ מענטשן. די טייבעלעך פֿאַרשטייען עפּשער ניט, וואָס פּערעלע רעדט צו זיי, אָבער גוט זיינען זיי מיט איר און אַז זיי פֿליִען זיך צונויף, וויל יעדערע פֿאַרכאַפּן אַן אָרט נענטער צו פּערעלען און זיך דרייען אַרום אירע פֿיס.

דעם זיבעטן מאַרט פֿאַרנאַכט, אינדרויסן איז געווען ניט שטאַרק קאַלט, פֿון די קוימענס אונטער דער שטאָט איז געגאַנגען אַ רויך (פּערעלע האָט ניט געהאַט קיין מאַמע־טאַטע און זיך אויפֿגעצויגן בײַם זיידן מיט דער באָבען. געוווינט האָבן זיי אונטער דער שטאָט און דעם זיידן אירן האָט מען גערופֿן

שמול דער זייפער, ווייל ער האָט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק, וווּ מע מאַכט זייף).

פּערעלע האָט אַרויסגעטראָגן קאַרטאָפֿל און פּערלגרויפּענע קאַשע, וואָס איז געבליבן פֿון וואַרמעס. די טײַבעלעך האָבן זיך צונויפֿגעפֿלויגן, ווי קאָסוי־דער, גענומען טאַנצן אַרום פּערעלען און פּיקן. פּערעלע האָט זיך אַוועק־געזעצט לעבן טיר אויפֿן קלעצעלע, אַרײַנגענומען די הענט אין די אַרבל און ס'עוועג אַף איר דערקענען, אַז זי איז מיט עפּעס שטאַרק פֿאַרנומען.

— אָבער איר ווייסט ניט,—רופֿט זי זיך אָן,—וואָס מאָרגן איז? און איך ווייס!.. מאָרגן איז דער אַכטער מאַרט, אַ אינטערנאַציאָנאַלער פֿרויען־יאָנטעוו. מאָרגן טו איך אַלץ אויף אין שטוב, און די באָבע וועט גיין אין קלוב. דער זיידע וועט קומען פֿון פֿאַבריק וועט ער איר געוויס ברענגען אַ בילעט.

פֿאַרן שלאָפֿן גיין, האָט פּערעלע געבעטן דער באָבען זי זאָל זי אויפֿוועקן פֿרי, ווען ס'איז נאָך בלוי אין דרויסן.

— וואָס איז דען?—האָט זי די באָבע געפֿרעגט.

ס'איז אַ סאָד,—האָט פּערעלע געענטפֿערט און זיך אײַנגעדעקט אויף איר ווײַסן געלעגער, זי זאָל גיכער אנשלאָפֿן ווערן.

די באָבע פּערעלעס איז אָבער געווען אַ קלוגע פֿרוי, האָט זי פֿאַרשטאַנען פּערעלעס מיין.

אינדערפֿרי, די באָבע וועקט אויף פּערעלען. פּערעלע טוט אַ קוק: אין שטוב איז אַלץ ציכטיק, זויבער צוגעקליבן, די פּאָלן אויסגעוואַשן, שוין אפֿילו צוגעטריקנט, דער אויוון אויסגעהייצט און פֿאַרשאַרט.

— וואָס איז אַזוי גיך, באָבע?—האָט פּערעלע געפֿרעגט.—איך האָב דאָך דיר געוואָלט העלפֿן?!

— איך בין ניט אַזאַ אָפּגעשטאַנענער מענטש,—האָט איר די באָבע געענטפֿערט,—דער זיידע וועט שוין זיך אַליין נעמען וואַרמעס, אַז ער וועט קומען, און איך טו זיך באַלד איבער און גיי אין קלוב אַרײַן. עפּשער ווילסטו, קום אויך מיט מיר.

דעם טאָג איז פּערעלע אין שול ניט געגאַנגען. באַ זיי איז געווען אַן אַרויסגאַנג־טאָג. האָט זי זיך אינדערגיך אָנגעטאָן און איז אַוועק מיט דער באָבען אין קלוב אַרײַן.

דעם נײַנטן מאַרט פֿאַרנאַכט, אַז פּערעלע האָט ווײַטער געהאָדעוועט די טויבן, איז זי געווען זייער אויפֿגעלעבט. די טײַבעלעך צעלאָזן די פֿליגעלעך, טאַנצן אַרום איר און פּיקן אויס ווי נאָר אַ פֿאַרוואַלגערט קערנדל.

— איר וואָלט אָבער פֿאַרשטיין אויף ייִדיש,—האָט פּערעלע זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און ווײַטער גערעדט צו די טײַבעלעך.—וואָלטן מיר אײַך געוועזן נעסען אין קלוב: דאָרטן האָט מען געהאַלטן רעדעס. די באָבע האָט אויך גערעדט. „איך וויל דערלעבן, זאָגט זי, די צײַט, ווען אַלע

ארבעטנדיקע פרויען פון דער גאנצער וועלט וועלן פײַ-
ערן אזוי פרײַ דעם אכטן מארט, ווי מיר איצט דאָ!
או-רא-א-א!" און אלע אין קלוב האָבן איר לאנג געשריען הורא! אָהאָ! דאָפּקע
מײַנע באָבע—די אלטע זייפערנ—אזוי ווי איר קוקט זי אָן... און דערנאָך איז
נאָך געווען א ספּעקטאקל. ס'האָט געשפּילט און געזונגען. אהא! איר זײַט
שוין מיר גוט סעקאנע?!

פערעלע איז געווען איבערגליקלעך פון איריע נעכטיקע איבערלעבונגען. די
טײַבעלעך האָבן שוין אלץ אופגעגעסן. אָבער זיי זעען, אז פערעלע גייט נאָך
ניט אוועק, ווילן זיי אוואדע ניט אוועקגיין. פערעלע זאָל דאָ אפילע זיצן ביז
מאָרגן וואָלטן זיי זיך ארום איר ארומגעדרייט און פונהאנען ניט אוועק.

# הינדל פלעשל און קאָשטערפלעפ

פערעלע דעם זייפערס איז געקומענ צולויפנ א פארסאָפּעטע אהיימ. זי האָט
נאָכ דאָס רענצל נית באוויזנ אראָפּצונעמענ פונ אקסל, ... אויפגעלאָפנ
אינ קיכ. דאָרט האָט זי געפונענ די באָבע באַם אויוו... דיק.
— באָבע!—האָט פערעלע פארסאָפּעט אויסגערופנ ... וואָס קענ איכ
זײנ נוציק דער שטוב?
— טו נאָר א קוק סארא מינ סאָפּענ!—האָט די באָבע בא איר אראָפּגענומענ
דאָס אָפּגעשפּיליעטע רענצל פונ אקסל.—אונ איכ ווייס נית, וואָס זײַנענ עס
ביכלאל פאר א ווערטער „נוצקענע שטוב”?
— אײַ, ניי באָבע. האָסט נית וואָס צו לאכנ! די קינדער דארפנ אלע...
— האָב איכ דאָכ שוינ דיר געכטנ געגעבנ פלעשלעכ אינ שול אריינ אפ
„אוטיל”!
— ווײַטער!!! פלעשלעכ איז אײנ זאכ אונ דאָס איז עפּעס אנדערש. יעדער
קינד דארפ עפּעס העלפנ אינ שטוב—צוזענ די קראָליקעס, אכטונג געבנ אפ די
אויפּעס אונ נאָכ אזעלכע זאכנ.
— אָט דאָס גאָר מיינסטו?—זאָגט די באָבע.—איז דאָכ גוט, וואָס בעסער
דארפ מענ נית! אָנאָ זיצט דאָס געלינקע הינדל אפ אייער, אז זי וועט אויספירנ

די אייפעלעכ, וועל איכ דיכ לאָזנ זיי פּאשענ און אכטונג געבנ אויפ זיי, וויפל דײַנ הארצ גלוסט... שוינ? אלצ ניט?

— שוינ. אלצ גו-אוט!

פּערעלע האָט אָפּגעגעסנ און איז ארויס אינ קיכ. צווישנ טאָפּטשאַנ איז אינ אנ'אלטנ זיפּ-סיט חיי אויסגעבעט, געזעסנ אויפ אייער די געלע קוואָקטשע. אינ דער רעגע, ווענ פּערעלע איז צוגעגאַנגענ, איז פּונקט די קוואָקטשע אראָפּ טאָנ א טרונק וואסער, זיכ אָפּגעריקט אויסער דעמ נעסט און מאכנ א ביסעלע אויסגלײַכנ די פֿארכאלעשטע גלידער. די אייער אינ נעסט האָט זי פֿארנ אראָפּ-גיינ באטרייסלט מיט עטלעכע הייעלעכ. זיי זאָלנ זיכ ניט אויסקילנ, מיסטאָמע.

פּערעלע איז צוגעגאַנגענ נעענטער און א ווייל געשטאַנענ. זעקס אייער געוויינ-לעכ הינערשע און פיר גרעסערע אסאכ. עפשער צוויי מאָל אזוי די גרייס, ווי יענע, און גרינגלעכע אפנ קאָליר.

— באָבע,—איז פּערעלע אוועקגעלאָפנ אינ עס-שטוב.—פֿארוואָס ליגנ עס דאָרטנ צווייערליי אייער אונטער דער קוואָקע?

די באָבע איז דאַנ געווענ מיט עפּעס פֿארטאָנ, נאָר זי האָט איר גלײַכ געענטפֿערט:

— ס'בא אונדז געווענ, מײַנ קינד, ווינציק הינערשע אייער און די קוואָקע האָט שוינ ניט געוואָלט אראָפּ פֿונ קובלאָ, האָב איכ געקלערט, געקלערט און אונטערגעשאָטנ פיר קאטשקענע אייער.

— מאָ וואָס זשע וועט זיכ פֿונ זיי אויספירנ, אז א הונ וועט אויפ זיי זיצנ?

—סײַ ווי: פֿונ די הינערשע—הינדעלעכ, פֿונ די קאטשקענע—קאטשקעלעכ.

— וועט זי זײַנ אי דעמס מאַמע, אי דעמס?

— נו; געניג מיר פּלאָנטענ אינ קאָפּ.—האָט זיכ די באָבע אָנגעבייזערט,—האָסט אנגעבעט—טו; אז ניט גיי און שפּיל זיכ. איכ האָב איצטער קיינ צײַט ניט מיט דיר זיכ צו פֿארנעמענ.

פּערעלע איז אוועק ווידער אינ קיכ צו דער קוואָקטשע און אליינ ניט וויס-דיק צוליב וואָס, האָט זי פֿארקלערטערהייט א זאָג געטאָנ, אזוי ווי צו דער באָ-בענ, כאָטש די באָבע איז נאָר געווענ אינ דריטנ צימער:

— מ-מ, אַ וואָס האָסטו געדארפֿט טאָנ אזוי?

## 2

אינ א קורצער צײַט ארומ, פּערעלע וואכט אויפ גאַנצ פֿרי אינדערוויסנ פֿארנ פֿענצטער איז אזוי גרינ און ליכטיק.

— פּערעלע, ווילסטו עפּעס עסנ?—מאכט צו איר דער זיידע—דער זייפֿער אויש פֿונ קיכ ארוים. ער האָט, ווײַזט אויס, דערפֿילט אז פּערעלע האָט זיכ אויפֿגעכאַפּט.

פּערעלע טאנצט אינדערגיכ אראָפּ פֿונ בעט (זי פֿארשטייט, אז דער זיידע רופֿט זי שוינ ניט אומזיסט) און דרא-לא אינ קיכ אריינ. די ציטערנ זײַנענ

אַלע מעכבעדיק באַלויכטנ אונ דערוואַרעמט פונ דער געטרייער פרילינג-זונ:

— וואָס איז זיידע?

שמוליע דער זייפער, פערעלעס זיידע, א הויכער ייד מיט א סיווער בערדל, נימ קיינ גרויסער, איז געשטאַנענ גאַנצ פרי, איז זיינ ארויסגאַנג-טאָג פאַ זיכ אינ קיכ לעם פריפּעטשאָק אונ געהאַלטנ. ועפּעס א גרויסע ערדענע ריינ אינ די הענט.

— וויז א קוק טאָנ.— זאָגט שוינ פערעלע מיט אומגעדולד. נעמט דער זיידע אַראָפּ די רינ אונ ביינגט זי אָנ צו פערעלען:

פ—ע—ד—ע—ר—נ???

— וואָס פאַר א פעדערנ?—האָט זיכ פערעלע פאַרוואונדערט אונ נאָכ ניט באַוויזנ ענדיקנ די פראַגע, ווי א פריידיקער קווימש האָט זיכ פאַ איר ארויס. געריסנ פונ האַלדז.

—אוי הינדעלעכ! לעפּעדיקע, פּיצינקע!.. וויז נאָר, זיידע, איכ וויל נאָכ. אַמאָל א קוק טאָנ.—און דער זיידע האָט ארויסגענומענ אפנ האַנט אַנ אייפעלע. ווי א קוילעכדיק שרויטעלע א פוכקינס אפ צוויי דריבנענקע פיסעלעכ שטייט עס אליינ, מיט אייטעלעכ, מיט א פיסקל אונ מיט האַלצדינג. פערעלע האָט אָנגע-קוואָלנ אפ א קאָל פונם קליינ באַשעפענעשל, אָבער פלוצים האָט די קוואָקע פונ צווישנ טאַפּשאַנ בייז אונ אנגסטלעכ א קוואָקע געטאָנ.

— וואָס איז, זיידע,—האָט זיכ פערעלע געכאַפּט אונ געוויזנ ביים טייטע אפנ טאַפּשאַנ.

—די קוואָקע?— — —האָט דער זיידע געענטפערט מיט א פראַגע אונ זיכ א קראַצ געטאָנ אינ אקנ,—ס׳איז א גאַנצע טייטע.

— איכ וויל וויסנ וואָס?

— וואָ-אָ-אָכ— — —האָט דער זיידע ווידער איבערגעבראָכנ. פאַרשטייסטו טיכ... די באָבע האָט דאָ אָפּגעטאָנ א שטיקל נאַרעשקייט... די הינדעלעכ האָבנ זיכ שוינ אויסגעפירט אַלע זעקס. אונ איצט ביז די קאַטשקעלעכ וועלנ זיכ אויכ אויספירנ קענ נאָכ אַוועקגעמענ א גוטע וואָכ צייט.

— וואָס זשע וועלנ מיר טאָנ מיט די קליינע טיובקעלעכ?

— זיי וועלנ שוינ נימ פאַרפאַלנ ווערנ, אז מ׳וועט זיי האַלטנ איינדערוואַ-רעם אונ אפ זיי אכטונג געבנ.—ענטפערט דער זיידע.—נאָר אפ דער הונ איז א ראַכמאָנעס, זי איז שוינ אַזוי אויכ געוונ אויסגעמאַטערט.— — —

—נ—ס—ט, און וואָס האָבטו טאַקע געדאַרפט טאָנ אַזוי?—האָט פערעלע אינ א ווילע ארום א זאָג געטאָנ אַזויווי צו דער כאַפּנ, כאָטש די באָבע איז נאָר איצט אינ שטוב נימ געווענ. זי האָט פונ פריסאָרגנ אָנגעשאַרט די בייטנ אינ גאָרטנ.

3

דער פרילינג איז געגאַנגענ, וואָס אַמאָל שענער. פערעלע האָט אינ שול געהאַט ארבעט געננוג, אָבער אינדערהיים האָט זיכ די ארבעט פאַר איר ערשט

אָנגעהויבן. אין גאָרטן האָט זי לעם דער באָבענע געגראָבן, געזייט און געשאַרט. אַף די הינדעלעך מיט די קאַטשקעלעך האָט זי אַכטונג געגעבן, אַז קיין כאָזער אָדער קיין הונט זאָל זיי ניט אַ כאַפּ טאָן. זי האָט זיי צודערצײַט אַרײַנגעלאָזן אין שטעלעכל, און צודערצײַט אַרויסגעלאָזן, זיי געשטעלט נאָכאַנאַנד וואַסער צום טרינקען און הירזש צום פּיקן.

איינמאָל גייט פּערעלע פֿון שול און דערהערט, אַז די קוואָקע שרײַט ערגעץ הינטערן שטוב, נאָר ניט מיט אירע קיכעס. פּערעלע האָט גיך אַ וואָרף געטאָן דאָס רענצל אַפֿן פּריזבע פֿאַרן פֿענצטער און אַ שפּרונג איבערן פּלויטל. זי איז פֿאַרלאָפֿן הינטערן שטוב אַרונטער.

„אַוואַדע אַ קאַץ, אָדער אַ הונט זײַנען אָנגעפֿאַלן"—און פּערעלע האָט זיך געאײַלט מיט אַלע קויכעס אַרויסראַטעווען די קליינע נעפּאַשעלע פֿונעם רויבערס מויל.

צום סאָף, אַז זי איז אָנגעלאָפֿן צום גראָבן מיט וואַסער, אַהין ווײַט הינטער זייער שטוב, האָט זי דאָרט ניט געטראָפֿן ניט קיין כאָזער, ניט קיין הונט.

די קוואָקע האָט נאָר אומגעטשאַנצט באַם ברעג גראָבן אַ צעפּודערעוועטע, אַ צעפּאַלאָבעטע און געשריען ניט מיט אירע קיכעס. די פּיצינקע הינדעלעך האָבן זיך פֿאַר שרעק צעשאָטן אין אַלע זײַטן און ניט געוווּסט ווו זיך גיכער פֿאַרשטעקן. און די פֿיר קאַטשקעלעך מיט די ברייטע פּיסקעס און ברייטע קורצע לאַפּקעס זײַנען זיך פֿרײַ, ווי שטיפֿער קליינע, אומגעשווומען איבער וואַסער. מיילע טאָמער איז עס ניט קיין גרויסער טײַך, קיין אָזערע אָדער סאַזשלקע, אָבער וואַסער איז עס דאָך. שווימען זיי, ווי שלאַנקע שיפֿעלעך, מאַכן גיך-גיך מיט די לאַפּקעס, די קוואָטשקע פּילדערט, שפּרינגט אום, זי רײַסט כמעט די ערד אונטער זיך:

„גוואַלד, זיי וועלן זיך נאָך דערטרינקען אינדערערד אַרײַן!"

און זיי, די שטיפֿער די קליינע, שווימען און הערן אַף זיך קיין וועלט ניט.

פּערעלע האָט פֿון איין זײַט אָנגעקוקט, וואָס אַזעלכע קליינע שוואַרציאַריקלעך שווימען שוין אַזוי טשיקאַווע... פֿון דער צווייטער זײַט, האָט זי אָבער ניט געקענט צוזען דער קוואָקעס ראַכמאָנעס. ווי זי שרײַט, פֿליט אום אַרום ווי אַ משוגענע, און שפּרינגט, פֿון דער הויט פֿון איר שפּרינגט זי באַלד אַרויס.

— הער שוין אויף!—זאָגט צו איר פּערעלע.—נאַרישע מאַמע דו!.. ס'וועט זיי גאָרניט זײַן!.. האָלווע וואָלסטו, דו—אַ גרויסע—קענען שווימען באָטש ביז האַלב, ווי זיי—די קליינינקע!..

אָבער אַ הון... גײַ רייד צו אַ הון. זי הערט ניט אויף אַרומצושפּרינגען און זיך אַרויסשלאָגן פֿון אַלע קויכעס, ווי איינער רעדט:

„געוואַלד! איך וועל עס גאָרניט איבערלעבן!..."

— נו, וואָס טוט מען דאָ,—קען שוין פּערעלע קיין אײַצע ניט געבן.—אַרויסרופֿן די קליינע שטיפֿערלעך פֿון טײַך, דאַרפֿן זיי פֿרײַער וועלן פֿאָלגן... און קריכן נאָך זיי אין וואַסער—גלוסט זיך ניט.

אפּ די רייד איז אָנגעקומענ די באָבע אהער. זי איז געגאנגענ אינ הויכע צוויי שטיוול (אומיסטנ אָנגעטאָנ). זי איז אָנ רייד ארײַנגעקראָכנ אינ גראָבנ ארײַנ אונ ארויסגעטריבנ פֿונ דאָרטנ די קליינע „שוואַרציאָרלעכ“, וואָס האָבנ זיכ גאָר ניט געקענט זאַט אָנשפּילנ מיט דער וואסער. זי האָט זיי ארויסגעטריבנ אונ אָנגעטריבנ די קוואָקע מיט דער גאנצער כאליאסטרע שוינ געענטער צום שטוב. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נו, פֿרעג איכ דיכ, האָסטו עס באַדאַרפֿט?—האָט פערעלע אינ א ווײַלע ארום איבערגעפֿרעגט די באָבע.

— מאכט זיכ אמאָל—ס'טוט אָפּ א נארישקייט,—האָט די באָבע אליינ זיכ מוידע געווענ פֿאר פערעלע. איכ וועל שוינ פֿארזאָגנ א צענטנ מ'זאָל מער ניט אָנזעצנ קיינ הונ אפּ קיינ קאטשקעלעכ אונ קיינ קאטשקע אפּ קיינ הינדעלעכ.

— איכ קענ דיכ טרייסטנ.—האָט די באָבע צוגעגעבנ.—ס'ווערט שוינ מיי ווי אויס מאָדנע קוואָקטשעס. נאָכ א יאָר אונ נאָכ א יאָר, וועלנ שוינ אומעטום שטיינ אינקובאטערס אונ אייפּעלעכ וועלנ זיכ דאָרט אויספֿירנ אינ די טויזנטער.

— וואָס פֿאר א קובאטערס?

— מירנ קומענדיקע וואָכ גײנ קיינ קראסינ-דאָרף אינ סאָווירט אפּ אנ עקס-קורסיע. דאָרטנ שטייענ צוויי אינקובאטערס מיטאמאָל. וועסט וועלנ, קענענ מיר דיכ אויכ ארײַנעמענ.

— הערסט א מעשה?—האָט פערעלע זיכ פֿארקלערט,—פֿײַנ—ק  טערס?

אונ פערעלע איז טאקע געגאנגענ מיט דער באָבענ אינ א וואָכ אר.ם אינ סאָווירט ארײַנ אָנקוקנ די אינקובאטערס אונ וואָס זיי האָבנ דאָרט געזענ וועלנ מיר איבער א צווייטנ מאָל גענוי דערציילנ.

---

ענעראַלע ייִדישע ביבליאָטעס
און פּרעסע אַרכיוו

# אינהאלט.


ליפע בורטילקעלע . . . . . . . . . 3
גוטיע און טוסיע . . . . . . . . . 23
א מינ גוטע, א מינ פריילעכע וועלט ס'איז! . . . . . . 29
ווער סע וואכט דער לעמער . . . . . . . . 35
ווע דעם הויסט „זיב בגנוסע אינ די הענט" . . . . . . 45
א שלעכטער טאג . . . . . . . . . 51
הארבסטיקע פרייד . . . . . . . . . 55
יוליע . . . . . . . . . 59
געטרײַ אויסגעפילט זײַנע פראלעטאריש פליכט. . . . . . 63
דער ענטער . . . . . . . . . 66
א שיינער ווינטער . . . . . . . . . 71
וואס גערעדט און וואס געטייבט . . . . . . . 76
דעם זייפערס אייניקל . . . . . . . . 80
הינערלעך און קאטשקעלעך . . . . . . . . 83



צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו



סעקרעטאר—ב על קינ

רעדאקטאר—ב. ליבערמאנ

טעכנ. רעדאקטאר—ב. פרידמאנ

אפגעגעבנ אינ דרוק VI/30-34 י. אונטערגעשריבנ צום דרוק IV/9-35 י. צאל דרוק-בויגנ $5^1/_2$ פאפיר $94^1/_{16}$X
צאל צייכנס אינ איינ דרוק-בויגנ 3.800 טיראזש 2685. באשטעלונג 968. גלאוולייטבעל 1064

פאראנטוו. קארעקטאר פונ דרוקערײַ קארמוסיק

מינסק, דרוקערײַ א. נ. סטאלינ.

І. Кіпніс

РАДАСЦЬ

•

И. Кипнис

РАДОСТЬ

פּרײַז 2 ר. 25 ק.

אײַנבונד 25 ק.

ЦАНА 2 р. 25 к.

Пераплёт 25 к.